UNIVERSITY OF ILLINOIS-URBANA
3 0112 060872600

שימין'ס גרויסע

# וועלט-ביבליאטעק

צווייטער יאהר-גאנג.

8

XXXII

באנד

הלל צייטלין.

# שריפטען

2-טעס ביך.

פרייז 25 קאפ'.

ווארשא תר"ע

ח.א. זאנאבענד

812.49 Z732s



מיט ביטערע פינסטערע קללות, הערט מען זי דאך מסתמא, ווי דעם קאטער.

ווערט א שטארקע מלחמה צווישען אונז מיט איהר, זי האפט א יונגעל, רייסט איהם אראב דאס היטעל, די חברים פערווארפען זי מיט שטיקלעך האלץ און שטיינדליך —

און אין מיטען מלחמה האפען זיך ארויף א פאר מזיקים פון אונז אויפ'ן בוים, הויבען אן טרייסלען די צווייגען און די שמעוניכע מאכט קולות עד לשמים.

און עס וואלט זיך די מלחמה נישט געענדיגט ווען עס וואל־טען נישט פערבייגעהן א פאר שענע יורען וואס האבען אנגעשרי־ען אויף די „שקצים" און האבען אונז פונאנדערגעטריבען.

דאן זענען מיר אוועק צום טייכעל וואס איז אין עק שטעדטיל געוועזען אויפ'ן בריקעל, געקוקט ווי דאס וואסער לויפט, געווארפען שטיקלעך האלץ אהין, געדראפעט זיך צום וואסער־מיהל, אראב־געגאנגען לאזען שיפלעך שווימען אין טייכעל, געבאדעט זיך, גע־שטופט איינער דעם צווייטען אין וואסער אריין, געקייקעלט זיך אינ'ם גראז, געריסען, געשלעפט, געווארפען אין וואסער.

נאר דאס אלץ האט אויך דערעסען. און חברה האט זיך אלאז געטהון אין אנדערע עק שטעדטיל, וואו עס איז געשטאנען מישקעס ווינד־מיהל, און א ציגעלניע.

שטיל און רוהיג ארום און ארום. א גרויס ברייט פעלד. מען זעהט קיינעם נישט דורכגעהן. דער ווינד־מיהל מאהלט נישט. ניטא מישקע מיט זיינע בנים. אלעבען!

עס ליגען אפילו מישקעס שומרים, צוויי גרויסע הינד, זיי זענען אבער איצט אויך שטיל און טשעפען קיינעם נישט. זיי ליגען פויל. רידרען קוים דעם עק.

חברה פרובט דראפען זיך אויפ'ן ווינד־מיהל; ווילען שטופען די פליגלען, קריכען אראב, דראפען זיך אויף דאס הייזעל וואס איז דערביי.

א טייל געהען אוועק צום ציגעלניע, קריכען אריין אינ'ם קאס־טען מיט לעהם, שמירען זיך אום דורך און דורך, געהען אראב, וואו מען ברענט די ציגעל, קריכען קוים ארויס פון דארט —

און איינעם פערדריסט עס עפעס פלוצלונג אויף די כלבים וואס ליגען זיך אזוי רוהיג. ס'טייטש! עס זענען דאך גאר קיין כלבים נישט!...

האַפּט ער אַ שטיינדעל, וואַרפט אויף איין הונד, ווערט ער, דער הונד, אַביסעל צאָרענדיג, ער פּוילט זיך אָבער שטאַרקע קולות צו מאַכען.

וואַרפט מען אין איהם אַ גרעסערען שטיין. ווערט ער שוין שטאַרק ברוגז.

הכרה געפּעלט דער עסק, הויבט מען איהם אָן וואַרפען פון אַלע זייטען, ווערט ער — אש להבה. זיין הבר נאָך איהם — און מיר מוזען זיך אָבטראָגען מיט די קאַפּאָטעס.

שפּרינגט מען אין גראָבען, וואָס איז נישט וויים פון דאָרטען, אַ טייל לויפען צו דעם גויישען בית־עלמין ביז וואַנען עס ווערט שטיל דער צאָרן פון מישקעס שומרים.

קלויבט זיך הכרה ווייטער צונויף און מען איז אַזוי פּערהוה'ט ביז פאַר נאַכט.

מען דערמאָהנט זיך אָבער, אַז די עלטערן וואַרטען און מען דאַרף אין בית מדרש געהן —

---

איינציגווייז, איינציגווייז צוגעהט זיך דער עולם. נאָך אַזוי פיעל האָראָוואַניע וואָלט דוכט זיך זיין אַ יושר צו אָפּרוהען און שלאָפען געשמאַק, מען איז דאָך אָבער יודען און מען דאַרף שבועות אויף זיין.

ווער עס וויל געהט אין בית מדרש „תקון" זאָגען; ווער עס פוילט זיך, זאָגט זיך „תקון' אין דער היים.

איך האָב אָבער אַנאַנדער עסק. איך דאַרף געהן זאָגען „תיקון" מיט מיין אַלטען זיידען, וועלכער איז געלעגען צום בעט און מען האָט בעדאַרפט זיצען נעבען איהם.

זיצען מיט'ן זיידען האָט זיך מיר זעהר געוואָלט. ער איז געוועזען איינער פון די עלטסטע חסידים, האָט זעהר פיעל מעשיות געוואוסט און האָט זעהר שען דערצעהלט.

אָנהויבען פלעגט זיך דאָס על פי רוב פון דעם, וואָס איהם, דעם זיידען, האָט זיך געחלומ'ט, אַ רמז אויף דעם פסוק: „ופלגשו ושמה ראומה" און אין פיעל יאָהרען אַרום, האָט ער עס געפונען אין זוהר הקדוש, נאָכהער פלעגט עס אַריבער געהן צו די אַפּיקורסים וואָס זאָגען, אַז אין דער תורה איז מעהר נישטאָ ווי פשט, נאָכהער —

צום דעסעװער װאָס דער „ערבי נחל" האָט אויף איהם געזאָגט, אז אין חיצוניות איז ער יוד און זײד, זײד און יוד, און אין פנימיות אפיקורס, אפיקורס און אפיקורס, נאָכדעם — צו רבי מנשה אילייער, װאָס דער עולם מורמעלט אויף איהם, און אזוי פלעגט עס קומען צום „המגיד" און פוגים „המגיד" גלײך צו נאָפּאָלעאָנען און צו דער גרויסער מחלוקת, װאָס איז געװען צװישען דעם אלטען רבי (דער רב) און צװישען אנדערע, װי דער קארלינער, ר' לוי יצחק בערדי־טשעװער, װאָס דער אלטער האָט געהאלטען פאר רוסלאנד. —

דאן פלעגט עס אריבער איגנאנצען צום אלטען רבי'ן און מען פלעגט אָנהויבען פון דעם, װי דער אלטער רבי האָט נאָך אלײן געלערענט און נישט האבענדיג קײן ליכט פלעגט ער לערנען פאר דער לבנה, נאָכהער — װי ער איז געװען בײ'ן מעזריטשער, װי ער איז נתגדל געװאָרען, װי אביגדור האָט איהם געמסר'ט, די נסים ונפלאות װאָס מיט איהם האָט זיך געטהון אין פעטערבורג, זײן צוריקקומען פון פעטערבורג, זײן גדלות —

אזוי פלעגט ער ביסלעכװײז, ביסלעכװײז צוקומען צו „דער גרויסער התונה". „די גרויסע התונה" — װעגען איהר האָט דער זײדע ליעב געהאט דערצעהלען, די גרויסקײט פון איהר איז בעשטאנען אין דעם, װאָס דער אלטער רבי האָט א שדוך געטהון מיט ר' לוי יצחק בערדיטשעװער און בײדע זענען געװען אויף דער התונה. רוח הקודש האָבען דאָרטען אלע געשעפּט עמערװײז, נסים האָבען זיך דאָרטען געװאלגערט אויפ'ן באנק און אונטער'ן באנק —

װער עס איז נאָר געװען אויף דער גרויסער התונה האָט גע־קריגען א הארה אויפ'ן גאנצען לעבען און אין זײן גאנצען דאװ־נען און לערנען האָט ארײנגעשײנט יענער אור.

מען האָט געזעהן דעם בערדיטשעװער, דעם אלטען, גע־האפּט א װאָרט, א רמז, א תנועה — געװנג.

זײ פלעגען צװישען זיך רעדען מילי דעלמא, און מיט יעדען װאָרט פלעגען זײ מעלה זײן אלע נשמות, מתקן זײן אלע פגמים.

אלע פערשטויסענע נשמות האָבען געװארט אויף דער גרויסער התונה. דאָרט האָבען זײ תיקון געהאט.

עס זענען בטל געװאָרען אלע דאגות, אלע פחדים. פער־געסען געװאָרען אלץ. נישטאָ קײן עול הפרנסה, עול אשה ובנים, עול גלות; דער עול פון יצר הרע איז אויך בטל געװאָרען.

פשוט'ע הסידים זענען דאָרט נתעלה געוואָרען צו דער מדרגה פון „לבי חלל בקרבי"[3].

און וואָס איז דער הדוש? עס האָט דאָרטען מאיר געווען אור עתיק דאצילות[4].

מילא זיי אליין זענען געווען למעלה מכל השגה און נאָך וויל זיי האָבען מרחם געווען זיך אויפ'ן דור יתום זענען זיי לעבען געבליבען. ווען נישט דאָס, וואָלטען זיי בטל געוואָרען אין אין סוף.

מיט גרויס דעת האָבען זיי געוואוסט ווי צו זיין בבחינת רצוא ושוב...

נאָר נישט אלע מאָל האָט דאָס געהאָלפען. איינמאָל איז דער אלטער געקומען צו כלות הנפש.

געווען איז דאָס בשעת ער, זכר צדיק לברכה, איז געגאנגען מיט דער כלה א טאנץ. די כלה האָט געהאלטען איין ברעג פאטשיילקע, ער דעם צווייטען ברעג —

איז מען געגאנגען א ריקוד. דער רבי בראש און נאָך איהם די הסידים. עס איז אראָב די גאנצע פמליא של מעלה, עס איז געוואָרען שמחה והדוה אין אלע עולמות.

האָט מען געראַרפט א ניגון זאָגען. האָבען די הסידים אָנגעהויבען זאָגען. זענען די ניגונים אָבער נישט געווען פון אזא הויכער מדרגה, האָט ער אָנגעהויבען זיין ניגון זינגען...

וואָס מעהר ער האָט אָנגעהויבען זינגען אלץ שטארקער איז געוואָרען די דבקות. אזוי האָט שוין דער ניגון א טבע. וואָס ווייטער און ווייטער קומט מען אלץ אין העכערע עולמות אריין; בקיצור ער האָט אָנגעהויבען זינגען: „נכספה גם כלתה נפשי", „לבי ובשרי ירננו אל אל הי", „נפשי תערוג אליך אלהים" — אנעק די וועלט!

איז מען געקומען צום זוהר: „בחד קטירא אתקטרנא, ביה אחידא, ביה להיטא"...

און אוים מענש! ער האָט עלית נשמה געהאט.

---

3) נאכ'ן „תניא" נאך קאנען דערצו קומען נאר צדיקים גמורים. און דאס הייסט אייגענטליך, אז מ'דארף שוין דעם יצר-הרע נישט מנצח זיין, ווייל ער איז שוין איננאנצען נישטא.

4) דאס אינערליכסטע און טיעפסטע פון גאט'ס רצון, איינע פון די העכסטע מדרגות אין קבלה, האטש עס גיעבען נאך העכערע מדרגות.

אין אַ פּאָר שעה אַרום האָט זיך די נשמה צוריקגעקערט.
וואָס די נשמה האָט דאָרטען געזעהן און משיג געווען, וועט מען
אין הונדערטער יאָהרען ניט איבערערצעהלען —

דאַבײַ האָט דער זיידע אָנגעהויבען זינגען שטילערהייד דעם
רבי'ס ניגון.

אַ קליין לעמפּעל אויפ'ן טיש. דער זיידע ליגט אין זיין בעטיל.
דער זוהר בײַ איהם אויפ'ן הארצען.

עס לײַכט זיין פּנים. די אויגען קוקען ווײַט, ווײַט. —

ער זינגט שטיל, אײַנגעהאַלטען. אין די גרויסע בלויע אויגען
אַ דביקות־פּערעל —

טיעפער און טיעפער ווערט דאָס געזאַנג, שטאַרקער און
שטאַרקער ווערט די דביקות —

„בהד קטירא אתקטרנא, ביה אחידא, ביה להיטא" —.

די טיעפע נאַכט קוקט אין פענסטער אַריין...

---

דער יונגער פרעהליכער טאָג וויל מנצח זיין די טיעפע נאַכט.
עס שיינט אַריין דער מאָרגען־שטערען. איך לויף פון שטוב אַרויס.

איך געה אַריין אין גאָרטען וואָס נעבען זיידענס שטוב. די
גרעזעלעך גיבען נאָך איבער אײַנע די צווייטע די נאַכט־סודות —

נאָר אָט שיינען די ערשטע זונען־שטראַהלען אויף זיי און
די גרעזעלעך גרייטען זיך שוין מקבל פנים זיין דעם ליכטיגען העל־
לען טאָג —

עס איז פול די לופט מיט זיסע ריחות פון די אַרומיגע וועלדער
און פעלדער. עס הערט זיך דעם פאַסטוכס פייפען. עס הערען
זיך קולות פונ'ם חסידי'שען בית־מדרש.

אַ שטילער ווינדטעל בלאָזט. די גרעזלעך שושקען זיך, קינ־
דער זאָגען נאָך „תיקון".

עס הערען זיך שוין די לעצטע קולות פון בית מדרש. די פויגע־
לעך פון דער הויכער שוהל האָבען שוין די טאָג־שירה אָנגע־
הויבען.

ביסלעכווייז, ביסלעכווייז געהען יודען גרויסע און קליינע פון
בית מדרש אַרויס. קינדער לויפען פרעהליך, די זון הויבט אָן בעע־

גיסען מיט אידרע שטראַהלען די שפּיצען דעכער. יודען געהען צום טייכעל טובל זיין זיך.

פּאָרלעך, פּאָרלעך געהען און רעדען. שטילע אידעלע שמו־עסען.

מען שמועסט וועגען מתן תורה, וועגען השראת השכינה, וועגען אַמאָליגע רביים, וועגען די ריינע לופט אין וועגען מאַי.

— ווייסטו וואָס דער „אוהב ישראל" זאָגט וועגען מאַי?

— וואָס?

מאַי איז אותיות מ׳ י. מי טרעפט אָן כּוּפּצינג, וויַל אין דעם חודש זענען מאיר אַלע נון שערי בינה. די אומות העולם זענען אויך מודה, אַז היינטיגער חודש איז מסוגל צו אַלע גוטע זאַכען.

— בינה איז דאָך שכינתא עלאה און אַז זי איז מאיר אין שכינתא תתאה(5) איז די וועלט פול מיט חסדים.

— דער חודש איז זעהר מסוגל צו רפואת הגוף און נאָך מעהר צו רפואת הנפש —

— — — — — — — —

---

אין בית מדרש צום דאַווענען. יודען מיוחסים, לומדים און חסידים שטעהען אין מזרח. די זון שיינט אויף די עטרות פון די טליתים.

די יחידי סגולה שהוען אָן בעזונדערע יאַרמאָלקעס לכבוד שבועות. מען טהוט זיך אָן וואָס מעהר אין ווייסען.

די ווייסע פאַרב וויַזט אויף אורות און אויף חסדים און שבועות מוזען דורכאויס חסדים זיין.

אַ קליין דאַר יודעל געהט אַרויף אויפ׳ן בימה. עפענט אויף דעם סידור און הויבט אָן דעם טרויעריג־האַרציגען ניגון פון „אַקדמות".

דער עולם ציהט נאָך איהם, מען איז אין גאַנצען אין די „אַקדמות". ווער עס פערשטעהט נישט קוקט אין פּירוש.

און דער גאַנצער עולם איז בעגייסטערט מיט דעם גרויסען כבוד וואָס גאָט האָט אָפּגעגעבען זיין ליבען פאָלק ישראל און פון דעם כבוד וואָס זיי וועלען נאָך האָבען לעתיד לבוא.

---

5) שכינתא תתאה — די מדה פון מלכות, די שכינה, וואס רוהט צווישען אונז און אונזער וועלט.

בשעת זיי האָבען געזאָגט „נעשה ונשמע" האָבען דאָך מלאכים זיי קרוינען אָנגעטהון —

ווי זיי האָבען גאָט׳ס דיבור דערהערט זענען זייערע נשמות אַרויסגעפלויגען; גאָט האָט געשיקט דעם טהוי וואָס מען וועט מיט איהם מחיה המתים זיין און האָט זיי לעבעדיג געמאַכט. —

מלאכים האָבען זיי אויף די פליגלען געטראָגען; גלייך צום באַרג צוגעטראָגען —

מלאָכים וועלען זיי לעתיד לבוא ווייטער בעדינען, גאָט וועט מאַכען אַ גרויסע סעודה פאַר די צדיקים, אויף שטוהלען פון גינגאָלד וועלען זיי זיצען און דעם יין המשומר וועלען זיי טרינקען —

דער עולם האָט אָבגעדאַוונט. גוט יום־טוב! גוט יום־טוב!

נאָך דער מילכיגעס — קליין און גרויס אויפ׳ן פרייען פעלד. —

שענע יודען רעדען וועגען ענינים פון חסידות, סתם יודען — מילי דעלמא. יונגלעך שטיפען, מיידלעך שפאַצירען פאָרלעך, פאָר־לעך, וואַרפען אַ בליק אויף דעם און יענעם בחור׳ל און ווערען פאַר־שעמט — — — — — — — —

———

... און ווען איך קום היינט אין מיין שטעדטיל דערקען איך זי נישט. די הויכע שוהל — לאַנג, לאַנג נישטאָ.

מען האָט זי עפּעס אין אַנ׳אַנדער שטעדטיל אַוועקגעשענקט.

דער אַלטער חסידישער בית־המדרש — לאַנג, לאַנג, אָבגעברענט.

אויסגעבויט געוואָרען אַ נייער — עס זענען שוין אָבער נישטאָ אין איהם רבי יעקב, און אַברהמ׳יל דער דאַוונער.

עס זענען דאָ קאַלטע יודען מיט קאַלטע הערצער.

עס זענען דאָ שוואַכע יודען, וואָס גלויבען זיך אַליין נישט.

קינדער האָבען זיי און די קינדער גלויבען אויך אין גאָר נישט.

די טאַטעס האָבען פיינד די קינדער, די קינדער — די טאַטעס; נאָר די טאַטעס האָבען זיך אַליין אויך פיינד, די קינדער האָבען זיך אַליין אויך פיינד.

דוכט זיך, אַז די זון שיינט שוין דאָרטען נישט אַזוי העל, דוכט זיך, אַז די פעלדער זענען שוין דאָרטען נישט אַזוי גרין —

עס איז שוין דאָרטען, קיין קדושה נישטאָ, עס איז דאָרטען קיין יוגענד נישטאָ.

עס איז דאָרט קיין גלויבען נישטאָ, עס איז דאָרט קיין האָפנונג נישטאָ.

שטומפּפזיניג און נאַריש זענען זייערע געדאַנקען און מעשׂים. ליידען און שטרעבען, לעבען און טוידט!...

---

... איהר האָט ביי מיר אַלץ אָפּגערויבט. איהר האָט ביי מיר צוגענומען מיין גאָט, מיין גלויבען, מיין האָפנונג, וואָס האָט איהר אָבער צו מיין שטעדטיל געהאַט?

איהר האָט ביי מיר אַלץ צוגענומען. איהר קאָנט מיר צוריק גאָרנישט געבען. גיעט מיר האָטש מיין שטעדטיל צוריק!

# די אינערליכע וועלט.

## I

### דער טרוים.

אין אָנהייב איז געווען דאָס לײַדען.

אַז דאָס לײַדען דערגרייכט ביז דער טיעפסטער נקודה אין הארצען, ווערען בעשאַפען די טרערען.

ווען די טרערען מאַכען דעם מענשען קראַפטלאָז און מוט־לאָז, הויבט זיך אָן דער קאַמפף מיט דעם ווײַנען.

דער קוואַל פון די טרערען איז אָבער טיעף אין דער וועלט־שעפפונג, אין דער וועלט־נשמה, און דער מענש קאָן זיי ניט איבער־ווינדען. דאַן רופט דער מענש אַרויס אין זיך זײַן גאַנצע קראַפט, זײַן גאַנצען מוט, זײַן גאַנצעס ליכט. ער מוז דאָס ווײַנען בעקעמפ־פען!

שטאַרק איז דער מענש, ער בעקעמפפט דאָס ווײַנען, דער קאַמפף קאָסט איהם אָבער צו טײַער...

ער נוצט־אויס אין קאַמפף זײַן גאַנצעס העלדענטום, זײַן גײַס־טיג רײַכטהום, ער שטרענגט־אָן אַלע פיזישע און מאָראַלע כוחות...

פון אומגעהויערען קאַמפף, פון צופיעל אָנשטרענגונג ווערט ער אָבער מיעד, אָבגעשוואַכט, אײַנגעבויגען, האַלב צובראָכען.

דאַן קומט אַ דריטער פּאַזיס. עס נייגט דעם מענשען צו רוהע, צום שלאָף. עס שלאָפט דער מענש. ער טרוימט אָבער אין שלאָף...

אַלץ, וואָס ער האָט איבערגעלעבט, דורכגעליטען, אויסגעוויינט, געהאָפט, געשטרעבט, געבענקט, געדענקט, געזוכט, געקעמפפט, ווערט אין איין הארמאָנישע צונויפגעגאָסען, אין געטליכע קולות, אין וועלט־פאַרבען, אין אַ שיינעם טרוים.

און עס טרוימט דאן דער מענש און זעהט פאַר זיך יענע וועלטען, וואָס זיינען נאָך נישט בעשאַפען געוואָרען; יענעם גן־עדן, וואָס קיינער האָט נאָך אין איהם נישט אומגעשפּאַצירט; יענע מלאכים, וואָס האָבען זיך נאָך קיינעם נישט בעוויזען; יענע שענהייט, וואָס קיין אויג האָט זי נאָך נישט געזעהן; יענע גרויסקייט, וואָס קיין גייסט האָט זי נאָך נישט אומגעפאַסט.

לאַנג שלאָפט אָבער נישט דער מענש.

דער מענש ערוואַכט פריש, מונטער, גרייט צום קאַמפּף, גרייט צו שטייגען העכער און העכער. —

עס ערוואַכט דער מענש שטאַרקער, העלדישער און רייכער.

ער איז רייכער געוואָרען מיט דעם, וואָס ער האָט זיין שיינעם טרוים געזעהן; מיט דעם וואָס ער האָט זיין אייגענעם אידעאַל געפונען.

אַלץ וואָס ער האָט אין טרוים געזעהן, טהוט־אָן וואַכעני־דיג אַ קאָנקרעטע פאָרם; פון פערשידענסטע בעזונדערע שטריכען שאַפט זיך איין העררליכעם בילד, איין ליכטיגע נקודה.

און אָט דאָס ניי־בעשאַפענע בילד, אָט די ניי־ערפונדענע ליכטיגע נקודה, גיסט זיך צונויף מיט אַלץ, וואָס איז איהם פון לאַנג אָן געווען שען, ערהאַבען, הייליג, ריין, העלדיש און גרויס.

דער טרוים, דאָס אידעאַל, ווערט ביי איהם בלוט און פליייש.

ער און זיין אידעאַל ווערען איינס.

ער קוקט שוין נישט אויפ'ן אידעאַל ווי אויף ווייטע, ווייטע הימלען, הויכע, הויכע, שטערען, נאָר ער טראָגט איהם אין זיך, ער לעבט אין איהם שטענדיג, ער פערקערפּערט איהם אין זיין ערדישען לעבען, אין אַלטעגליכע האַנדלונגען, ער איז דאָס ליכט פון זיינע אויגען, די לופט צום אָטעמען.

און וואו דער טרוימער געהט, בעגלייט איהם דער טרוים זיינער.

ער געהט צווישען מענשען, רעדט מיט זיי, דיספּוטירט, לערנט פון זיי, לערנט זיי — זיין טרוים מיט איהם.

ער זעהט אַלץ, וואָס מענשען טהוען, ער אורטיילט איבער זיי,

זײַ געפּעלען איהם, זײַ געפּעלען איהם נישט — אַלץ זאָגט איהם דער טרוים זײַנער.

ער טהוט פיעל מעשים, ער געהט אין פערשיעדענע וועגען, ער ווענדט אָן פערשיעדענע ריכטונגען — ס'איז אַ פערזוך צו זעהן דעם טרוים אין דער ווירקליכקייט.

אין גאָטס הימלען, אין יעדען שטערן, אין יעדען בלום, אין יעדען לעבען, אין יעדען געפיהל, אין יעדען טומעל, אין יעדען געראויש, אין יעדען שווייגען, אין יעדען שמייכעל, אין יעדע ליעבע, אין יעדער רחמנות, אין יעדען געוויין, אין יעדער בענקשאַפט, אין יעדען געזאַנג — אומעטום וויל ער זיין טרוים זעהן.

אין אַלע מעשים פון דער וועלט, אין אַלע מלחמות, אין אַלע געדאַנקען, אין אַלע שטרעבונגען און האָפנונגען, אין אַלע זכרונות פון עבר, אין אַלע אידעאַלען פון צוקונפט — אומעטום וויל ער זיין טרוים זעהן.

גאָטס וועלט איז אין זיינע אויגען אַ מייסטער־ווערק, וואו ער זעהט די שענהייט פון זיין אייגענער נשמה, די הייליגקייט פון זיין אייגען האַרץ, די גרויסקייט פון זיין אייגען גייסט.

---

II

## דער טרוימער צווישען מענשען:

עס קומט דער טרוימער צו די מענשען. ער ברענגט זיי אַ נשמה, וואָס זעהט אַלע עולמות און אַלע דורות; אַ האַרץ, וואָס בעלעבט אַלעס און ערקוויקט אַלעס; אַ שטאַרקע ליעבע, וואָס נעהמט אַרום דעם גרעסטען און דעם קלענסטען, דעם שענסטען און דעם העסליכסטען; שטאַרקע רחמנות, וואָס פיהלט דאָס ליידען פון דער קלענסטער און דער נידעריגסטער בריאה; שטאַרקען גלויבען אויף צו רידערן בערג פון אָרט און די שטאַרקסטע שטיינערנע ווייך צו מאַכען.

ווי בעגעגנען איהם מענשען?

רעדט ער מיט זיי ווייכע רעד, קומט ער צו זיי מיט צערטליכקייט און רחמנות, לאַכען זיי איהם אויס.

קומט ער צו זיי מיט זיין גאנצען צער און צארן, האסען זיי איהם.

קומט ער צו זיי מיט זיין קראפט און מאכט, פערפאלגען זיי איהם.

עס טרעפט אבער, אז ער, דער טרוימער, בעזיעגט זיי, פון אנפאנג הויבען זיי אן נאר הערען (ער רעדט דאך אזוי שען!), נאכהער בלייבען זיי פערצווייפעלט, צום סוף ערשטיינט און בעזיעגט...

איז עס אבער אויף א לאנגע צייט?

עס געהט־אריבער די בעצויבערונג אין פערוואונדערונג, מענשען הויבען־אן צו זיך קומען.

עס איז זעהר שען, אבער...

און מיט דעם „אבער" גראבט מען א קבר פאר'ן טרוימער...

מען מאכט איהם פאר א שענעם רעדנער, פאר א שענעם קינסטלער, בכלל פאר א שען־גייסט, און דאס, וואס ער רעדט און וואס ער לערנט, וואס אין איהם לעבט, ליעבט און לײַדעט, וואס עס ברענט אין איהם, אינוועניג, טרייבט איהם און יאגט איהם, רויבט־אב זיין שלאף ביי נאכט און זיין רוהע ביי טאג, דאס אלעס איז זיי, די מענשען, גאר ניט נוגע...

און וואס האט ער, דער טרוימער, אויסגעפיהרט? וואס האט ער וועמען געבראכט? וואס האט ער וועמען געגעבען?

נאך דער אלטער גביא האט זיך געקלאגט: „און דו ביזט ביי זיי אזעלכעה, וואס האט זיך א שען קול'כל און זינגט זיך שען. זיי הערען דיינע ווערטער און פאלגען זיי ניט".

און פון די אלטע צייטען אן ליעבען מענשען אלץ מעהר און מעהר דאס שענע קול'כל און הערען אלץ וועניגער און וועניגער, וואס מען זאגט...

מענשען פיהלען זיך אמאל שולדיג פאר'ן טרוימער. עפּעס פיהלען זיי, אז אין יענעם איז עטוואס אונגעהויער שענעס און גרויסעס, נאר זייער שולד צאהלען זיי, די מענשען, איינגענארטיג...

זיי פערגעטערען דעם טרוימער, מאכען איהם פאר איין עבודה זרה, הערען און לעזען דעם טרוים און טהוען.... פערקעהרט!

און דאס איז אויך, ווי געזאגט, אין די בעסטע פאלען. סדוב דערגעהט עס צו דעם אויך ניט. מען לאכט איהם, דעם

טרוימער, פשוט אויס, מען פערוואַרפט איהם מיט שטיינער, אָדער מען פיהרט איהם צו דער תליה...

---

און דאָ קומט־פאַר אַ פיעל שרעקליכערע און טיעפערע טראַגעדיע:

דער טרוימער איז געקומען צו מענשען. צוליעב זיי האָט ער געלעבט, זיי האָט ער אַלעס געבראַכט, זיי האָט ער געוואָלט בעגנעדיגען.

און זיי?

זיי ווילען נישט הערען... רשעים זענען זיי... טמאים זענען זיי... שלאַנגען... עקדעשען...

יאָ. אָבער טאָמער קאָנען זיי ניט הערען? טאָמער דאַרפען זיי עס גאָר ניט הערען? טאָמער קאָן דאָס לעבען ניט זיין אַנדערש, ווי ס'איז?

„השמים שמים לד׳ והארץ נתן לבני אדם“.

דער הימעל צו גאָט, מענשען אויף דער ערד. זיי דאַרפען קיין הויכע טרוימען נישט, זיי דאַרפען נישט האָבען די הימלען אויף דער ערד.

היינט צוליעב וואָס האָט ער געלעבט? ווענען האָט ער זיין גוטס געבראַכט? צו וואָס איז עס אין גאַנצען?

קומט ער, דער טרוימער, אַמאָל אין וואוט אַריין, טהוט דאָס, וואָס משה האָט געטהון: ער צוברעכט זיינע לוחות.

וואָס איז ער אָבער אָהן די לוחות? וואָס איז ער אָהן זיין טרוים? קאָן ער דען לעבען אָהן זיין נשמה, אָהן זיין גאָט?

ער ווערט ווייכער. ער טהוט ווייטער דאָס, וואָס משה האָט געטהון. ער פרובט אַנדערע לוחות געבען. ער פרובט ווייטער געהן צו מענשען. ער מוז געהן צו מענשען. אַנדערש קאָן ער ניט...

עס קומען אָבער פיעל ערגערע מינוטען. עס קומען אַזוינע מינוטען, ווען מען פערזוכט ניט־נאָר דעם טעם פון טויט, נאָר מען לעבט איבער אַלע יסורי־גיהנם...

וואָס הייסט? אַלע זענען געגען מיר! אַלע, גאָר אָהן אויסנאַהם, גרויס און קליין, רייך און אָרים, קלוג און נאַריש, אַלעמען בין איך פרעמד. טאָמער זענען זיי גערעכט?

און איך? מיין הלום איז גאָר נישט, דברים בטלים, אויסן

הימעל אַ יריד, ווינד און שטויב, אַש און רויך.

און דאָס לעבען?

דאָס לעבען איז טאַקי ווי זיי פערשטעהען, ווי זיי פיהלען.

... קויט, בלאָטע, זינה, שלעכטס, בלוט-פערגיסעניש, פאַלש-קייט, אומרייניגקייט, צביעות, פעררעט, ווילדקייט, אכזריות, שטומפּפּ-זיניגקייט...

קיין פעולה נישט! דאָס איז דאָס לעבען!...

אַי דיין חלום? אַי דיינע הימלען אויף דער ערד? אַי דיין ליעבע, דיין רחמנות, דיין גלויבען, דיין האָפנונג? — גאָר נישט. דו האָסט זיך גענאַרט, עס האָט זיך דיר עפּעס אָבגעדוכט..

געוועקט זענען זיי, און ביי דיר איז נאָר אַנ'אילליוזיע, אַ פאַטאַ-מאָרגאַנאַ, אַ תהו ובהו.

אַזעלכע שרעקליכע מינוטען לעבען-איבער די גרעסטע מענשען פון דער וועלט.

די גרעסטע וועלט-נביאים ווערען עס אָבער באַלד איבער. זיי האָבען אין זיך גענוג קראַפט צו שטעלען זיך געגען אַלע מענשען פון דער וועלט, זיי שטעלען-אַוועק זייער חלום געגען דער ווירק-ליכקייט.

די, וואָס זענען נים אַזוי פיעל שטאַרק, ליידען מעהר פון אָט די שרעקליכע ספקות. סוף כל סוף זענען זיי עס אָבער אויך מנצח. זיי קאָנען דאָך פאָרט נים אויסשטעכען די אויגען, וואָס זעהען אַנדערש פון אַלעמענס; די אויערען, וואָס הערען אַנדערש, דאָס האַרץ, וואָס פיהלט אַנדערש.

און עס זאָגט דער טרוימער אַזוי צו מענשען:

אַזוי איז אייער לעבען. אַנדערש קאָנט איהר נים לעבען. איך ווייס אָבער פון אַנ'אַנדער לעבען:

עס לעבט מיין גאָט!

---

III

# א פאר שטילע ווערטער.

(פון א בריעף).

.. פארהאַן, ברודער, גוטע מינוטען אין מיין לעבען.

עס קומט מיר אוים אמאל אלע מיינע שולדען בעצאהלען, בעפרייט ווערען פון דער געזעלשאפט, אריין אין מיין איינזאמקייט, מאכען א שטיקעל חשבון מיט זיך זעלבסט...

אין יענע מינוטען בעמיה איך זיך אמאל צו פערגעסען אלע מענשען און אלע מעשים.

פאר מיר איז דאן נאר: גאָט, די וועלט און איך.

ניט גרינג קומט עס מיר אָן. זעהר פיעל מאל מיה איך מיך אומזיסט: מענשען זענען שטארקער, מען קאָן זיי ניט פערגעסען.

עס טרעפען אָבער זעלטענע, זעלטענע מינוטען, ווען איך קאָן יאָ פערגעסען די מענשען מיט זייערע צרות, אונגליקען, קנעכט־שאפטען, לוסטען, נידערטרעכטיגקייטען; איך פערגעס דאן מיינע איי־גענע דאגות אויך, איך פערגעס זאָגאר די פערפלוכטע פראגען...

איך וויל דאן ניט טראכטען, איך וויל דאן ניט צאָרנען, איך וויל דאן ניט עמפּערען, איך וויל נאָר קוקען, ריין, ריין קוקען.

די וועלט ווייזט מיר דאן זייער איינפאך אוים: די ערד לעבט, דער בוים לעבט, דאס גרעזעלע לעבט, די פערגעהענדע זון לעבט, די הימלען לעבען; דער הונד, וואָס לויפט פארביי מיר, לעבט;— ער לעבט, מיט דעם זעלבען רעכט, וואָס די זון לעבט, מיט דעם רעכט, וואס די הימלען לעבען, און איך — איך לעב אויך...

איך פיהל דאן, ווי היינע זאָגט, „די זיסע קוואל דעם דאזיינס"... איך אָטעם די וועלט־לופט, איך שלינג די טראָפּענס פון לעבען, איך בין מיט דער שעפּפונג — איינס; איך בין מיט דער וועלט — איינס. אָהן אַ שום אָנשטרענגונג פערשטעה איך דאן, וואָס הייסט עס „דער חלק בעהעפט זיך מיט דעם גאנצען".

איך פערשטעה און פיהל עס אַלץ זעהר פשוט: אַלץ ווערט מיר נאָהנט, זעהר, זעהר נאָהנט, אַלעס איז מיינס, און איך בין אַלעמענס. איך וויים ניט דאמאלס פון קיינע קשיות, תירוצים, פראגען,

אַנטוואָרטען, פּראָבלעמען, ד.לעמען, הקירות, קריגעריַיען, קאָמ־פּראָמיסען, — פאַר מיר איז איינס: דאָס לעבען, און נאָר דאָס לעבען. איין רייַנער קוק אויף הימעל און ערד.

איך קוק דאַן ווי אַ קינד אויף אַלעס. עס פרעהען מיר די לעצטע זונען־שטראַהלען, די זאַמד־בערגעלעך. דער ריינער הימעל, די נאַכט־שאָטענס, די שושקעריַי פון די בלעטלעך, דאָס זשומען פון די פליעגען, דאָס געוויש פון טייַכעל, די בעוועגונג פונ׳ם ווינד־מיהלכעל...

אַלץ איז מיר ליעב, אַלץ איז מיר גוט, אַלץ איז מיר שען.

איך קלויב ניט קיין התפעלות, איך בין ניט אויפגערעגט, ניט פערוואונדערט.

פאַר מיר איז אַ שטיל־שוויַיגען, אַ טיעפעס, טיעפעס שטיל־שוויַיגען.

איך פערזינק אין דעם שטיל־שוויַיגען. איך בין דאַן אינגאַנצען אין איהם.

איך פערנעהם דאַן אַלע פאַרבען, אַלע פערענדערונגען, אומ־בּיַיטענישען, איבערקעהרענישען; פאַר מיר איז נאָר דאָס לעבען זעלבסט, דאָס דאַזיין זעלבסט.

איך פערנעהם אַלץ. איך פערנעהם דאָס שלעכטע און די לייַכ־טע, דאָס העסליכע און די העסליכע...

פלוצלינג טרעפט אָבער, אַז אַ מענש געהט פאַרביַי מיר. אַ מענש געהט־הורך, און אין זיין געזיכט לייען איך שוין אַ שטאַרקען פראָטעסט געגען מיין רוהע־שטימונג...

זיין געזיכט זאָגט מיר:

„ניטאָ קיין שלעכטס" און וואו בין איך? וואו בין איך מיט מיינע צרות, מלחמות און ניט־ערפילטע וואונשען?

„ניטאָ קיין העסליכעס" — און וואו בין איך? וואו בין איך מיט מיין לוסט און ניעדערטרעכטיגקייט, מיט מיין נאַרישער קנאה, נאַרישער שנאה; מיט מיינע מיאוס׳ע, נאַרישע, אוננאַטירליכע תאוות?

אַזוי זאָגט מיר דעם מענשענס פנים, און אַלע אינערליכע וועהמאָגען, אַלע ספקות, אַלע „פערפלוכטע פראַגען", אַלץ וואָס פערהושכ׳ט מיין לעבען, די אַלע צרות און דאגות, וועלכע איך האָב געוואָלט פערגעסען, — דאָס אַלעס ברעכט אין מיר מיט אַ מאָל אויס מיט אַ געוואַלטיגער קראַפט, וועלכע סאיז זעהר שווער צו בעהערשען...

איך האָב דאָך אָבער אָט ערשט געזעהן אַ נ אַ נ ד ע ר וועלט. איך קאָן דאָך עס נישט אָבלייקענען. איך האָב זי דאָך פּאָרט געזעהן. איך האָב דאָך פּאָרט געזעהן אַ וועלט פון רוהע, ליעבע און פריידען. זאָגט מיר יענע וועלט אַזוי:

איך האָב דיך נישט גענאַרט, איך האָב דיך נישט פערפיהרט, איך האָב דיר קיין וואונדער נישט בעוויזען, איך האָב קיין צויבערע נישט בענוצט, איך האָב פאַר דיר מיינע הערליכע קליידער נישט אָנגעטהון, איך האָב דיר מיינע רייכסטע פאַרבען נישט ענטדעקט. איך האָב דיר בעוויזען דאָס וואָס דו קאָנסט דאָך אין קיין פאַל נישט לייקענען. איך האָב דיר בעוויזען: הימעל, ערד און די ליעבע!...

דאַן טרעפט, אַז איך ענטלויף מיר פונ׳ם מענשען, איך זוך מיר אוים אַ שטיל, שטיל ווינקעלע, און בעמיה מיך צו געפינען אָט יענע נקודה, וואָס איז אַ ל ץ כולל, וואָס אַלץ פעראייניגט זי, וואָס אַלץ פערגלייכט זי. איך זוך שלום מאַכען צווישען ביידע עולמות...

און איך פערשטעה דאַן, אַז די לאָגיק און די וויסענשאַפט וועלען מיר דאָ גאָרנישט העלפען, די פּאָעזיע וועט אויך נאָר ברייטער מאַכען די ביידע עולמות — קיין ש ל ו ם צווישען זיי וועט זי אויך נישט מאַכען. דאָס האַרץ שוואַנקט אַרום צווישען די ביידע עקסטרעמען, אַמאָל אַהער, אַמאָל אַהין, און די וועלט האָב איך ליעב און מענשען האָב איך ליעב...

און איך פערטיעף זיך אַלץ מעהר אין זיך, בעזוך אַלע פער־באָרגענע ווינקעלעך אין מיין נשמה, און איך געפין, אַז ביידע זאַכען לעבען אין איהר, און אַז עס איז פערהאַן עטוואָס אַזוינס, וואָס פעראייניגט אַלץ...

טיעף, זעהר טיעף אין דער נשמה לעבט אַ ג ל ו י ב ע ן, האָטש דער ש כ ל זאָגט, אַז מענשען זענען מ ע נ ש ע ן און וועלען קיינמאָל נישט בעסער ווערען, ווי זיי זענען...

און אַז עס וואַכט אויף אין מיר דאָס ג ל ו י ב ע ן, זעה איך דעם צוקונפטס־מענשען גאָר אַנדערש, איך זעה איהם שוין אַלס גאָטס־קינד, אַלס קינד פון דער שענער, ריינער נאַטור.

איך קעהר מיך אום ווידער צו מענשען, ברענג מיט מיר מיין גלויבען. ביסלעכווייז, ביסלעכווייז ווערט עס אָבגעשוואַכט: די מענשען טהוען זייערס...

עס גליהט אָבער אימער אין מיר אַ פונק פון טיעפען, טיעפען גלויבען!..

---

IV

## צווייערליי וועלט־שמערץ.

(פון א צווייטען בריעף).

... דו האָסט מיר אַזוי געשריבען:

איך פערשטעה דיך ניט. דו זעהסט פאַר זיך די שטילע, ריינע איינביגקייט. מיט אַמאָל דערזעהסטו אַ מענשען. אַז דו דערזעהסט דעם מענשען פאַלסטו אַראָב ווי פון הימעל אויף ערד. וואָס איז אָבער מיט'ן מענשען דער יתום?

דו פאַסט־אום דאָס טיעפסטע, דאָס אינערסטע אין דאָס איינ־ביגסטע פון לעבען. און אַז דו דערזעהסט דעם מענשען, לאָזטו דאָס אַלץ און עסק'סט זיך נאָר מיט איהם און זיינע צרות. מיט וואָס האָט עס אָבער דער מענש פערדיענט?

מענש. וואָס מענש? ווען מענש? פאַר וואָס זאָלען מיר ניט לאָזען איהם אינגאַנצען?

וואָס איז דער מענש? אַ קליין נידעריג בעשעפעניש, אַ וואָרים חי אַלע ווערים. און אַז יאָ אַזוי, וואָס האָבען מיר צו קוקען אויף איהם? וואָס געהט ער אונז אָן? זאָל ער יאָ ליידען, ניט ליידען, ווען ערט עס?

אַזוי האָסטו מיר געשריבען. דו האָסט נאָך דיינע ווערטער מיט צוויי שטאַרקע פראַזען בעפעסטיגט. דו האָסט מיר דערמאָנט, וואָס ישעיה זאָגט: „חדלו לכם מן האדם“, דו האָסט מיר אויך דערמאָנט וואָס ניטשע'ס זאַראַטוסטראַ זאָגט: „דער מענש איז עטוואָס, וואָס איבערוואונדען ווערדען זאָל“.

וואָס זאָל איך דיר, ברודער, זאָגען? גוט איז דיר, וואויל איז דיר. איך בין דיר מקנא.

דו קאָנסט מבטל זיין דעם מענשען (איך רעכען אַפילו, אַז נאָר מיט ווערטער...) איך קאָן עס אין קיין אופן ניט.

ווען איך זינק אין טיפע אבגרונדען, און ווען איך פליה אין הויכע הימלען; ווען איך זעה די פינסטערע ליידענדע ערד, און ווען איך זעה די ליכטיגע צוקינפטס-וועלט; ווען איך בין אריינגעטהון אין דער איינפאכער ווירקליכקייט, און ווען איך לעב אין די הויכע, הויכע פאעטישע טרוימען; ווען איך האב פאר זיך גאר איינצעלנע ערשיינונגען, איינצעלנע פאקטען, און ווען איך בין פערזונקען אין אבסטראקטע אלגעמיינע זאכען; ווען איך זעה די שטערבליכקייט, און ווען איך זעה די אומשטערבליכקייט, — קיינמאל קאן איך ניט פערגעסען דעם קאנקרעטען מענשען מיט זיינע קאנקרעטע ליידען.

איך קאן עס נאר אויף א וויילע פערגעסען. די וויילע דויערט אבער ניט לאנג. איך וויל מיך פערגעסען, ער, דער מענש, קומט אבער און דערמאנט מיך...

איך געה מיר אמאל און בין זיך אריינגעטהון אין אנשויען די הויכע, הויכע בוימער, וואס פערשטעלען די זון, דאס ריינע, ריינע טייכעל, וואס בעצויבערט און ציהט מיין נשמה, די ברייטע, ברייטע וויזען מיט די פערשיעדענסטע שענע און צארטע בלומען— דערביי געהט זיך פארביי א מענש, א פערשמאכטער, א צובלוטיגטער, א פערהונגערטער, — ער געהט און פאלט, געהט און פאלט...

וואס איז מיר דאן די נאטור? וואס איז מיר די גרויסקייט און די שענקייט פון דער נאטור? וואס איז מיר דאס אלץ, אז מיינע ברידער זענען הונגעריגע, צושלאגענע, נאקעטע און בארפיסע?

דו זאגסט מיר: „לאז דעם מענשען" — וואס הייסט „לאזען"? ווי זאל איך איהם לאזען? איך בין דאך אליין א מענש. דו זאגסט מיר: „פערגעס אן דעם מענשען". ווי אזוי אבער זאל איך איהם פערגעסען? קאן איך דען פערגעסען די מענשען-צרות, וועלכע איך פיהל שטענדיג? קאן מען דען פערגעסען דאס, וואס מען טראגט אין זיך. דו זאגסט: „דעם מענשען איבערווינדען". מעגסט זיך אויפהויבען הויך וואס העכער קאן ניט געבען — האסטו אבער א ליבענדעס, ליידענדעס הארץ, וועסטו גלייך אויף דער ערד פאלען. מעגסט פליהען ווי איין אדלער — האסטו אויגען, וועסטו זעהן דאס הע̇סליכע, דאס ליידענדע, דאס פינסטערע, וואס איז אין דער נידער... ווי איך זעה, פערשטעהען מיר פערשיעדען דעם וועלט-שמערץ. ווייסטו, אין וואס בעשטעהט דער אונטערשיעד?

וואָרט, איך וועל דיר עס ערקלערען?

די גרעסטע און די טיפסטע מענשען פון דער וועלט ווערען ערשטוינט, דערקענענדיג גוט דעם מענשענס לעבען, דעם מענשענס לעבענס־שיקזאַל. זייער ליעד — אַ האַרצרייסענדע קלאָג, זייער שריי־בען — טרערען, זייערע רעד — זיפצען.

בשעת מיר הערען און לייענען זייערע רעד, ווייסען מיר נאָר, אַז זיי קלאָגען זיך, מיר ווייסען אָבער נאָך ניט, פון וואַנען נעהמען זיך די קלאָגען.

מיר ווערען ענטציקט פון זייערע שענע ווערק, מיר ווערען בעצויבערט פון זיי, ניט אַלע מאָל האָבען מיר אָבער דעם מוט אַריינצוקוקען אין תוך אַריין.

ווייל מען אָבער אַריינקוקען אין דעם תוך פון'ם קלאָגען, וויל מען ערקענען די אינערליכע מאָטיווען, זעהט מען, אַז איי־ניגע קלאָגען זיך אויף איינס, די צווייטע — אויף עטוואָס אַנדערש.

אין כלל איז אַזוי: אייניגע קלאָגען זיך איבערהויפּט אויף דעם מענשענס קליינקייט, שוואַכקייט, ניעדערטרעכטיגקייט; די צוויי־טע — אויף דעם מענשענס צרות, אויף דעם מענשענס ליידען. לאָמיר נעהמען צום ביישפּיעל צווייערליי צרות: די צרות פון געטע'ס פויסט און די זיפצען פון'ם איטאַליענישען פּאָעט לעאָ־פּאַרדי.

פון וואַנען נעהמען זיך פויסט'ס ליידען?

פויסט שטעהט אין גרונד איבער'ן מענשען. ער פיהלט ניט קיין ממשות'דיגע איינפאַכע ליבע צו מענשען. ער ווייס נאָר זיין אינערליכען, טיעפען, אַלוועלטליכען אידעאַל. בשעת ער זעהט, ווי טיעף עס איז דער אָבגרונד צווישען דעם אידעאַל און צווישען דער ווירקליכקייט, איז ער פול מיט ערביטערונג און אונענדליכע שמערצען.

פון וואַנען נעהמען זיך לעאָפּאַרדי'ס זיפצען?

ער פיהלט די ממשות'דיגע ליידען פון מענשען. ער זעהט אַלע זייערע צרות פון קליין און גרויס, אַלט און יונג, די צרות פון אַלערליי מענשען, אין אַלע דורות און אין אַלע צושטאַנדען, ער דערקענט עס אין גאַנצען, ער פיהלט עס אין גאַנצען. און ער זאָגט זיין האַרץ: אָ מיין האַרץ! הער אויף צו קלאַפּען, דו האָסט שוין ניט, אויף וואָס צו האָפען...

ער וויל אויך, אַז דער מענש זאָל זיין שעהן, קלוג, עדעל, גרויס, שטאַרק, ער ליעבט מענשען, און ליעבהאָבענדיג זיי, וואָלט ער, פערשטעהט זיך, וועלען זעהן זיי וואָס גרעסער און וואָס שענער. ער פערגעסט אָבער קיין מאָל ניט דעם עיקר: זיין קאָנ־קרעטע ליעבע און די קאָנקרעטע ליידען פון מענשען.

און מיין ניט, אַז דער, וואָס קוקט־זיך־צו צו די אַלטעגליכע מענשליכע בעדערפֿנישען, ווער עס לעבט מיט מענשען און אין מענשען און פיהלט דאָס גאַנצע ליידען זייערע, האָט דערפאַר קלענערע עסטעטישע בעדערפֿנישען! ניין! ער האָט אין זיך דאָס עסטעטישע ליידען פיהל מעהר פון אַנדערע. ביי איהם קומט אָבער נאָך עטוואָס צו: דאָס איינפאַכע, ממשות'דיגע ליידען, וואָס נעהמט זיך פון איינפאַכער, ממשות'דיגער ליעבע...

און אָט דאָ געהען מיר זיך פונאַנדער:

דו, ברודער, זעהסט פאַר זיך נאָר גרויס און קליין. דעריבער טראַכסטו, אַז בשעת דער מענש איז אין זיין אינערליכער וועלט, בשעת ער לעבט אין זיין עסטעטישער אַנשויאונג, דאַרף ער קוקען פון אויבען אַראָב אויף יענע ווערים, וואָס ווימלען ערגעץ דאָרט אונטען...

איך ווייס אויך, מיין ליעבער, וואָס הייסט גרויס און קליין, איך ווייס אָבער אויך, וואָס הייסט ליידען, וואָס הייסט עלענד און נויט, הונגער און קעלט.

דו פערשטעהסט אַזוי דעם וועלט־שמערץ:

אין מענשענס נשמה לעבט אַנ'אידעאַל. אָט דער אידעאַל איז כולל אין זיך אַלעס שענעס און ערהאַבענעס, וואָס מען קאָן זיך נאָר פאָרשטעלען. דער מענש שטרעבט צו פערווירקליכען אָט דעם אידעאַל, די אייביגע צרה בשטעהט אין דעם, וואָס די קליי־ניגקייטען דערלאָזען עס ניט. זיי, די קליינינגקייטען דערלאָזען עס ניט. זיי, די קליינינגקייטען, ליעגען שווערע שטיינער אויפ'ן גייסט, לאָזען איהם ניט אויפהויבען זיך.

דער מענש אין אידעאַל איז גרויס ווי גאָט זעלבסט. „פון אָט דעם גאָט, ווי עס זאָגט שילער, ווערט אָבער אַ וועלט פול ווערים"...

דעריבער טראַכסטו אַזוי: בשעת דער מענש ווערט בעפרייט פון די אַלע קליינינגקייטען, לעבט ער דאָך נאָר אין איביגען אידעאַל;

לעבענדיג אין איינביגען אידעאל געניסט ער דאך די פאלקאמענע הארמאניע, היינט וואס האט ער דאן צו נעהמען אין אכט דעם מענשענס צרות?

איך פערשטעה אבער אנדערש דעם וועלט־שמערץ:

דאס ליידען געהט דורך די גאנצע שעפפונג. וואס די וועלט־שעפפונג ווערט העכער, ווערען אלץ גרעסער, שטארקער און טיעפער די צרות.

אינים מענשען דערגעהט דאס ליידען ביז דער העכסטער מדרגה, נאר אין מענשען זענען אויך דא די פערשיעדענסטע שטופען פונים ליידען.

וואס דער מענש איז העכער, עדעלער און פיינער, האט ער אלץ גרעסערע ליידען.

צו די ממשות׳דיגע ליידען קומען צו אלץ מעהר און מעהר עסטעטישע, גייסטיגע.

ממילא איז דאך דער גרונד דאס ממשות׳דיגע ליידען, אט די צרות וואס געהען דורך די גאנצע שעפפונג, אט די צרות, וואס זענען דער תוך פונים לעבען, דער עיקר פון אלץ. צו זיי, אט צו די ממשות׳דיגע ליידען, קומען צו וואס ווייטער, ווייטער, אלץ עדעלערע, אבסטראקטערע, און עסטעטישערע ליידען.

אט די לעצטע מאכען גרעסער די שמערצען. דער יסוד איז אבער דאס רעאלע, שטענדיגע, ממשות׳דיגע.

דעריבער טאר מען זיי קיינמאל ניט פערגעסען, דערביי קאן מען זיי קיינמאל ניט פערגעסען.

# געדאנקען־בילדער.

## I

זנין זאָגט צו רבי עקיבאַ'ן: דײַן גאָט האָט דאָך אַזױ פײַנד די עבודה זרה, װאָרום פֿערניכטעט ער זי נישט?

ענטפֿערט רבי עקיבא: זײ, די געצענדינער, בוקען זיך צו דער זון, צו דער לבֿנה, צו די שטערען, זאָל דען גאָט די װעלט חרוב מאַכען איבער די שוטים? — די װעלט בלײַבט אַ װעלט, עס שײַנט די זון, עס לײַכטען די שטערען, און די שוטים בלײַבען שוטים.

אײנער רױבט פֿון צװײטען װײץ, פֿערזײעט דעם געגזול'טען װײץ — זאָל דען די ערד אידה פֿרוכט נישט געבען? זאָל דען דער געגזול'טע װײץ נישט אױפֿגעהן? — די ערד טהוט אידה'ס, עס בליהט, עס װאַקסט.

איבער שוטים קען די װעלט נישט חרובֿ װערען...

---

עס זאָגט צו זיך דער דיכטער: אַלעס װאָס איז הײליג און שען אין דיר װערט פֿון אַנדערע פֿערפֿלעקט און פֿערשמוצט.

זײ, די אַנדערע, פֿערשטעהען דיך נישט, װילען דיך נישט פֿערשטעהן.

לױבען זײ דיך, שענדען זײ דיך—אַלץ אײנס. זײ װיסען נישט װאָס זײ לױבען, זײ װײסען נישט װאָס זײ שענדען.

די װײסען גאָרנישט, זײ פּלאַפּלען אָבער זעהר פֿיעל, זײ ליאַרמען זעהר פֿיעל.

זײ פּלאַפּלען, זײ ליאַרמען: עס איז פֿול מיט זײ די װעלט.

אַלץ איז זײערס: דאָס הױז, די גאַס, די שול, די רעליגיע, די װיסענשאַפֿט, די קונסט.

זיי זענען פיעל, ווי די הייזשעריקען — וואָס קענסטו מיט זיי מאַכען?

זיי זענען פול אומעטום, ווי די פרעש אין מצרים — וואָס קענסטו מיט זיי מאַכען?

וואָס פאַר אַ מאַכט האָט דיין ריינעס וואָרט? וואָס פאַר אַ קראַפט האָט דיין פייער?

זעה, וואָס איז געוואָרען פונ'ם פיינסטען ווילען דיינעם, פון דער טיעפסטער האָפנונג דיינער?

זעה, וואָס ס'ווערט פון היינע געדאַנקען, געפיהלען, שטרעבונגען?

און ער ענטפערט זיך: זאָל איך דען איבער די שוטים מיין וועלט חרוב מאַכען? זאָל איך דען איבער זיי מיין אינערליכען וועזען טוידטען?

זאָלען זיי פלאַפלען, ליאַרמען, זאָלען זיי די וועלט ערפילען, מיין וועלט וועלען זיי נישט חרוב מאַכען!

עס לעבט מיין וועלט, עס שיינט די זון, עס לייכטען די שטערען, עס העלט, עס גלאַנצט, עס פרעהט זיך די ערדה, עס שפראָצט, עס בליהט...

---

## II

זיי פלאַפלען זעהר פיעל פון מענש און קינסטלער.

וואָס איז ביי זיי „מענש"?

מענש איז ביי זיי עטוואָס וואָס עסט, טרינקט, זוכט ווייב און געלד, טרייבט פּאָליטיק, לעזט ביכער און שפּיעלט אין קאָרטען.

וואָס איז ביי זיי „קינסטלער"?

קינסטלער איז ביי זיי עטוואָס, וואָס שרייבט ביכער און מאָלט בילדער, איבער וועלכע מען קען פלאַפלען און רעצענזיעס שרייבען.

יענער און יענער איז קליין אַלס מענש און גרויס אַלס קינסטלער...

וואָס „גרויס" און וואָס „קליין"? וואָס ווייסען זיי פון גרויס און קליין?

„קליין אַלס מענש, גרויס אַלס קינסטלער" — מען קען וועניג

פלאַפּלען פון איהם אַלס „מענש" און מען קען פיעל פלאַפּלען איבער זיינע ביכער און בילדער.

מעהר ווייסען זיי ניש ט, מעהר קענען זיי ניש ט וויסען.
אויף צו פערשטעהן אַ מענשען דאַרף מען אַליין אַ מענש זיין,
אויף צו פערשטעהן אַ קינסטלער דאַרף מען אַליין קינסטלער זיין.

ווי קומען זיי אָבער צו פערשטעהן, וואָס מענש איז, וואָס קינסט-לער איז, זיי, וועלכע זענען אַזוי פיעל ווייט פון מענש אויף וויפיעל זיי זענען ווייט פון קינסטלער...

וואָס איז מענש? — דאָס וואָס וויל, שטרעבט, האַסט, צאָרענט, ליעבט, ליידעט, גלויבט, האָפט, זוכט, בענקט, צערשטערט, שאַפט, טרוימט, זינגט, דיכטעט, זוכט אַ וועג צום הימעל, וויל ערוועקען פליגלען.

וואָס איז קינסטלער אין מענשען? — דאָס, וואָס נעהמט דאָס שענסטע, דאָס בעסטע, דאָס שטאַרקסטע, דאָס טיעפסטע אין מענשען און פלעכט דערפון איין וועלט-קראַנץ, וועבט דערפון איין אייביג-ליעד, אייביג-חלום, שאַפט זונען, וואָס פערגעהען קיינמאָל ניש ט, בלומען, וואָס ווערען קיינמאָל ניש ט פערוועלקט.

קענט איהר דען אָבטיילען מענש פון קינסטלער? קענט איהר זיי פונאַנדערשיידען?

דער קינסטלער שעפט פון מענשען, דער קינסטלער ערפילט און ערגענצט דעם מענשען.

מענש און קינסטלער — קוואַל און פלאַם, זון און ליכט.

עס גיבט „גרויס" און „קליין": אַ גרויסער פלאַם, אַ קליין פייערעל, גרויסעס ליכט און קליינעס ליכט.

גרויסע מענשען, קליינע מענשען, גרויסע קינסטלער, קליינע קינסטלער.

קליין דער מענש — קליין דער קינסטלער; גרויס דער מענש— גרויס דער קינסטלער.

מען דאַרף נאָר וויסען, מיט וואָס פאַר אַ מאָס צו מעסטען.

מען קען עס ניש ט מעסטען ניש ט מיט'ן מאַרק-מוסר, ניש ט מיט'ן קלוב-מוסר, ניש ט מיט'ן אינטעליגענטען-מוסר, ניש ט מיט קיין מוסר.

פאַראַן איין אַנדער מאָס:

קראַפט, מאַכט, פרייַהייט, שטרעבונג, ליבע שמערץ טרויער פאַנטאַזיע, זוכען גאָט, דעם אמת׳ן גאָט.

---

III

פאַרהאַן זאַכען וואָס דער מענש קען עס נישט דערגרייכען; דער קינסטלער קען דאָ אויך גאָרנישט העלפען.

דער געדאַנק הערט נישט אויף צו אַרבייטען, עס וועבען זיך חלומות, עס רייסט זיך, עס הויבט זיך אין לופטען, עס פליהט אין הימעל — די ערד ציהט אָבער צו זיך, עס פאַלט אַלץ נידעריגער, עס ווערען אונטערגעשניטען די פליגלען.

און עס ווערט ערביטערט דער מענש: ער, דער וועלט-קעניג, קען די וועלט נישט משיג זיין, ער, דער יודע הכל, הויבט נישט אָן זיך זעלבסט צו קענען...

און עס בלייבט שטעהן דער מענש: נישטאָ קיין וועג, נישטאָ קיין שטעג. געהט בלאָנזשען אייביג אין ווילדען וואַלד...

און זיין פאַנטאַזיע הויבט אידם שוין אָן מאָלען אַנ׳אונענדלי־כען מדבר, אַ שרעקליכען תהום, אַנ׳אַלחעלטליכען תהו ובהו...

קעהרט ער זיך צוריק. הויבט אָן זיינע שטיבעלעך בויען, דיינע קליינע השבונות מאַכען.

בעסער רוהיג זיין, בעסער רוהיג שלאָפען, וועניגער טראַכטען, וועניגער זוכען, וועניגער טרוימען — בעט זיך אוים וואָס ווייכער און שלאָף.

דאָרט, דאָרט, אין די הויכע הימלען איז עפּים אַזוי שען, אַזוי גרוים — עס איז אָבער נישט פאַר דיר, וועסטו וועלען פליהען, וועסטו דיך האַלז און נאַקען ברעכען.

פליה נישט הויך, בויג זיך צו דער ערד, קריך, פויזע, ווי אַ וואָרים מיט אַלע ווערים גלייך...

געהט אַלץ דער מענש צוריק, צוריק, זינקט אַלץ נידעריגער און נידעריגער. —

פאַלט אַלץ דער מענש, ווערט קלענער און קלענער, שוואַכער און שוואַכער —

ער פרובט אמאָל אויפהויבען זיך, — נישטאָ קיין כחות; ער

פרובט פון זיין ענגען קרייז ארויס — מען קען ניט.

האט דאך אבער דער מענש אין זיך צער און צארן, שטאלץ און מוט, זאגט ער: עס איז גאר קיין בעסערס נישטא...

עס איז גאר נישטא קיין הימעל, עס ווערען גארנישט געשעהן קיין וואונדער, עס איז נאר דא די פינסטערע ערד. —

און עס זעהט דער מענש אין וועלט און לעבען נאר געזעצען און ער ליעבט די געזעצען, קושט די קעטען...

און עס טראכט זיך אויס דער מענש אליין נייע און נייע גרענעצען, און מאכט זיין לעבען שמאלער, ענגער און ענגער...

און עס מאכט זיך דער מענש א תהום: דאס קענסטו וויסען, דא קענסטו געהן, הייטער קענסטו נישט וויסען, ווייטער טארסטו נישט געהן...

און ער ווערט אזוי איינגעוואהנט אין תהום און ער ליעבט אזוי זיין קליין-וועלטעל, אז ער הויבט אן זינגען: נישטא קיין מהוץ לתהום, עס גיבט נישט העכער פון אונזער חכמה...

און ער לאכט אויס די געטליכע הלומ'ת, די נשמה-בענקשאפט, דעם וועלט-טרויער.

און עס ווערט א שרעקליכע ארימקייט, א שרעקליכע בע-גרענעצטקייט.

און עס ווערט א העסליכע צופריעדענקייט מיט זיך זעלבסט. א מאוס-נארישע גאוה, א שרעקליכע טעמפקייט.

און דער מענש פערליערט זיין צלם אלהים, ווערט פערזונ-קען אין קליינע תאוות, קליינע שטרעבונגען, קליינע האפנונגען, וויסט נישט העכער פון „געזעלשאפט" און „וויסענשאפט".

דאן ערשיינט אמאל פלוצלונג — דער נ ב י א...

---

IV

„חי אני אם לא ביד חזקה ובחמה שפוכה אמלוך עליכם".

אט דאס איז דער נביא, אזוי ערשיינט דער גואל.

דאס וואס עס פעהלט דעם קינסטלער האט אין זיך דער נביא.

דער קינסטלער קומט מיט ווארט און בילד, געדאַנק און דיכ־טונג, ליידען און ליבע, שטרעבונג און האָפנונג, מיט אַלעס מ ע נ ש־ל י כ ע ס.

דער נביא קומט מיט ז י ך ז ע ל ב ס ט, מיט זיין גרויסער געט־ליכער נשמה...

דער נביא ערשיינט ווי גאָט אַליין — „מ ן ה ס ע ר ה".

זענענדיג אַ שליח פון אַלמעכטיגען גאָט, קומט ער מיט איבער־ערדישער מאַכט.

וואָס „מענש"? ווען מענש?

„הדלו לכם מן האדם" — דער מענש איז גאָרנישט.

עס קומט דער נביא מיט שטורם, מיט דונער און בליצען.

עס הילכט זיין שטימע:

איהר דאַרפט פאָלגען, איהר מוזט פאָלגען. דען אַזוי האָט גאָט געזאָגט.

איהר מוזט אייערע געטער צערשמעטערען, איהר מוזט ריין ווערען, דען אַזוי האָט גאָט געזאָגט.

איך וועל אייך פון אייער בלאָטע אַרויסשלעפען, איך וועל אייך גאָטס וועלט בעווייזען.

איך וועל אייך מיט געוואַלד אויפהויבען, איך וועל אייך מיט גע־וואַלד צום הימעל טראָגען.

איך וועל אייך פאַר אייערע לאָקען אָננעהמען, איך וועל אייך אין שטורם הויבען.

איך וועל פאַר אייך די הימעל־טויערען עפנען, איך וועל אייך גאָטס רייכטהום ווייזען.

איהר וועט הערען שיר פון די מלאכים הערען, איהר וועט דעם גערויש פון זייער פליגעלען האָרכען.

און עס שטורמען די חיות, די אופנים, די שרפים—

און עס טראָגט זיך: קדוש, קדוש, קדוש — און פייער־טייכען

און אייז־הימלען און גאָטס שטוהל — הויך, הויך.

און אַ הימעל־רוהיגע ווערט, אַ הימעל־שווייגען.

און אַלעס גענייסט צום שעפּפער, אַלעס גערט, אוים אַלעס בענקט אונענדליך —

און עס טראָגט זיך אַלעס צו גאָט, עס ערהויבט זיך, עס הייליגט זיך —

און אַלעס אָפּפּערט, די וועלט איז פול קטורת —
און גאָטס היכל ווערט פול רויך —
און עס הויבט וויעדער אָן שטורמען, עס ציטערט, עס טרייי־
סעלט זיך דער היכל.
און גאָטס פייער אויפ'ן מזבח, פלאַם און קוידלען.
און עס פליהט אַ מלאך, נעהמט גאָטס קויהל פון מזבח —
און גאָטס קוידל ריהרט מיך אָן, און גאָטס פייער ברענט
אין מיר —
און מיין פייער האָב איך אַייך געבראַכט, און מיין ליכט האָב
איך אַייך געבראַכט —
געהט נאָך מיר.
אַזוי זאָגט דער נביא, אַזוי רעדט דער נביא.
קיין אַנדער שפּראַך האָט ער נישט, פון קיין אַנדערע שפּראַך ווייס
ער נישט.
ער מיט זיין גאָט איז איינס, ער איז די נאַטור, די נאַטור
איז ער.
ער איז מעכטיג ווי די נאַטור, ווילד ווי די נאַטור, אונענדליך
ווי די נאַטור.
ער זעהט אַלץ, ער פיהלט אַלץ, דען ער איז אַ ל ץ, —
דען גאָט רעדט אין אידם, דען גאָט לעבט אין איהם.

---

V.

ווי אַזוי זאָל דער מענש ערציהען אין זיך דעם קינסטלער? —
אויף דערויף ענטפּערט די עסטעטיק, אויף דערויף ענטפּערט די
קונסט זעלבסט אין פערשיעדענע אַרטען.
איך שטעל מיר אָבער אַנאַנדער פראַגע: ווי אַזוי זאָל דער
מענש ערציהען דעם נביא אין זיך?
„ערציהען" — געהן אויף דעם אייביג־הייליגען וועג, געהן ווייי־
טער און ווייטער, אַרויפשטייגען העכער און העכער.
„ערציהען אין זיך דעם נביא" — עס הייסט נישט ווערען
ווען נישט איז ווירקליך אַ נביא: מען קאָן צום הימעל נישט צוקומען,
ווייט, ווייט זענען די שטערען.

„ערציהען אין זיך דעם נביא" — עס הייסט אייגענטליך ערוואַרבען בּיסלעכווייז, בּיסלעכווייז עטוואָס פון די אייגענשאַפטען, וועלכע זענען אַזוי צוזאַמענגעפּונדען אין אונזער פאָרשטעלונג מיט „נביאות"...

עס הייסט אייגענטליך ערווערבען בּיסלעכווייז, בּיסלעכווייז די אמת'ע קראַפט, די אמת'ע ערקענטניס, די אמת'ע שטרעבונג צו דער גאָטהייט.

אפשר ווייסען אַנדערע פערשידענע דרכים דערצו. איך ווייס נאָר איין דרך: ליידען.

אפשר מיינען עס אַנדערע דערגרייכען נאָר דורך קונסט און וויסענשאַפט, איך זעה, אַז די בּיידע זענען נאָך גאַנץ וועניג. מען מוז עטוואָס אַנדערש אין זיך האָבּען: שטענדיגע ליידען.

---

## VI

פּאַרדאָן מענשען, וואָס עטוואָס וויינט און קלאָגט אין זיי שטענדיג.

רופט זיי נישט מרה־שחורה'ניקעס, זינדיגט נישט, טהוט זיי קיין שלעכטס נישט.

ווען איהר טהוט ווען עס איז שלעכטס, קאָן יענער אייך צוריק שלעכטס טהון, יענע קאָנען עס נישט.

זיי זענען צו טיעף אין צו ריין, אום אייך צוריק שלעכטס צו טהון.

טהוען זיי עס יאָ — קאָנען זיי עס נישט. עס איז נישט זייער עסק.

טהוען זיי עס יאָ, קומט עס אַרוים עפּעס משונה'דיג, אָהן אַ מאָס, ווילד, און אַלע מאָל איז קענטיג, אַז זיי טהוען זיך פיעל מעהר שלעכטס, ווי דעם געגנער...

רופט זיי נישט מרה־שחורה'ניקעס, דען עס איז אין גרונד דום און פאַלש.

זיי זענען לעבּענס־לוסטיגער מעהר ווי אַנדערע, אויסערליך אַמ־מעהרסטען פרעהליך און מונטער, זיי ליעבען די פרייה, די העלע שיינע זון.

נאָר א י נ ע ר ל י ך קלאָגט אין זײ עטוואָס, אינערליך — אַ קוואַל פון טרערען.

אָפטמאָל ווייסען זײ אַליין נישט, וואָס עס קלאָגט און וויינט אין זײ. עס איז זײ זעלבסט אונפערשטענדיג.

אָפטמאָל גיעבען זײ זיך אָב פיעל מיה, אום צו בעקעמפפען אין זיך דאָס אינערליכע ליידען, זײ ווילען די טרערען איינהאַלטען.

דאַן טרעפט עס אָפט, אַז עס העלפט קיין קאַמפף נישט, דאָס אינערליכע ליידען ווערט פיעל שטאַרקער און דער טרערען־קוואַל פיעל טיעפער.

---

## VII

דאָס ליידען זאָגט אָבער דעם מענשען: ע ר ק ע ן מ י ך!
די מ ו ז ט פערשטעהן, וואָס עס קלאָגט און וויינט אין דיר;
די מ ו ז ט וויסען, וואָס מיט דיר טהוט זיך.

עס שטאַרקט זיך דאָס ליידען פון טאָג צו טאָג און דער מענש איז געצוואונגען צו ערקענען עס.

ער וויל יאָ, ער וויל נ י ש ט — ער מ ו ז אָבער. עס לאָזט איהם נישט רוהען.

הייבט אָן דער מענש ערקענען זיך זעלבסט, הייבט ער אָן גרינדליך לעזען זיין אייגענעם וועזען, הייבט ער אָן צו פערשטעהן, אַז דאָס, וואָס רייסט זיין האַרץ, דאָס, וואָס עס לאָזט איהם אפילו איין רגע נישט רוהען, איז נישט נאָר זיין פ ע ר ז ע נ ל י כ ע ר צער, נאָר אויך דער צער פון זיינע עלטער־עלטערען, דער צער פון פיעלע, פיעלע דורות.

דער וועה און געשריי, דער צער און צאָרן, געהט איבער בירושה מדור לדור, יעדער דור גיט אָבער צו עטוואָס אייגענעס, עטוואָס נייעס, עס קומען צו מיט יעדען דור פרישע יסורים.

און קלויבט זיך עס אין דער נשמה פון אַ געוויסען יחיד, האָט ער אין זיך די ליידען־ירושה פון דור דורות, קאָן ער עס אין קיין אופן נישט מנצח זיין.

הויבט ער אָן ווייטער זעהן, ווייטער ערקענען זיך זעלבסט, געפינט ער שוין אין זיך נישט נאָר דעם צער פון זיינע עלטערען,

נישט נאָר דעם צער פון פיעל דורות, נאָר אויך דעם צער פון אלץ, דעם צער פון אַלץ, וואָס לעבט און שטרעבט און קאָן קיינמאָל נישט דערגרייכען, אָט דעם צער, וואָס היינע האָט אַהם אָנגערופען „וועלט שמערץ".

געהט ער אַמאָל טיעפער אַריין אין דער זאַך, הויבט ער אָן זעהן עטוואָס אונגעהויערע שרעקליכעס, אַ מעין פון דעם, וואָס האַמלעט האָט געפיהלט דערזעהענדיג דעם רוח פון זיין פאָטער, די שמערצען און ליידען פון „אַלע עולמות און אַלע נשמות"...

---

## VIII

ערקענענדיג עולמות אין זיך זעלבסט, ווערט דער מענש ממילא אַלץ טיעפער און טיעפער, הויבט אָן ערקענען אַלץ מעהר און מעהר.

און דאָס איז שוין גאָר אַנאַנדערע מין ערקענטניס, דאָס האָט שוין נישט צו טהון מיט אַלץ, וואָס מיר זענען געוואָנט צו קלערען און דיכטען.

דאָס האָט שוין נישט צו טהון מיט אַלע געוועהנליכע פאָר־שטעלונגען, מיט אַלע אמונות ודעות.

נישט פיהלענדיג אָפטמאָל אַליין זעלבסט, ווי עס קומט איהם אַלץ פאָר, הויבט אָן דער מענש אַנדערש זעהן און ערקענען, אַנדערש להלוטין אַנדערש, קוקען אויף גוטס און שלעכטס, שען און מאוס.

ער הויבט שוין אָן צו קוקען מיט אַנדערע אויגען אויף דער נאַטור און שעפפער, ער ווערט אַלץ נעהנטער און נעהנטער צו זיי, דאָס איז שוין נישט די אויפפאַסונג פון „קינסטלערה" — דאָס איז שוין עטוואָס פיעל טיעפער און אמת'ער.

דאָס רופען מענשען אָפט מאָל אָן „מיסטיציזם", זיי וויסען אָבער אַליין אייגענטליך נישט, וואָס איז עס אַזוינס, זיי טראַכטען אויס אַ וואָרט און מיינען, אַז זיי ערקלערען דערמיט עטוואָס.

דאָס איז אָבער נישט אַנדערש, ווי דער וועג וואָס אויף איהם געהען די גרעסטע נאַטור־מענשען, די גרעסטע גאָט־מענשען, די נביאים.

די קדמונים פלעגען זאָגען, אַז אַזעלכע מענשען קאָן מען שוין איבערגעבען די גרעסטע גאָטס־געהיימניסע.

„אין מוסרין מעשי מרכבה אלא למי שלבו דואג בקרבו".

און איינער פון די גרעסטע אַחרונים ערקלערט עס אַזוי: מעשי מרכבה קאָן מען נישט איבערגעבען נאָר דעם, וואָס זיין נקודת הלב הערט אפילו איין רגע נישט אויף צו בענקען נאָך דער געהיימער נאָטהייט.

# יוסף נע־ונד'ניק

(פראגמענט פון א ערצעהלונג).

## I

אויף אַ בערגעל אונטערן שטאָדט ה. זיצט יוסף, נע ונד'ניק. ער הערט נישט דאָס פייפען פון ווינד, ער פיהלט נישט די קעלט, וואָס דרינגט דורך אַלץ און אַלעמען. ער איז פערזונקען אין ער־אינערונגען, הלומות און געדאַנקען.

ענג איז איהם אין שטאָדט געוואָרען און ער איז אין מיטען נאַכט אויפ'ן פרייען פעלד אַרויס. ער האָט זיך אויסגעזוכט אַ שטיל ווינקעל און האָט זיך אַוועקגעזעצט זיינע מחשבות טראַכטען און זיינע הלומות געבען.

וואָס איז איהם ווינד? וואָס איז איהם קעלט? ער איז שוין צו אַלץ געוואָהנט, איהם שרעקט נישט קיין היץ, איהם שרעקט נישט קיין קעלט.

אַ שטיקעל אין איין האַנד, אַ קליין קערבעל, אין וועלכער עס געפינט זיך אַ פּאָר תפילין, אַ שטיקעל זייף, אַ פּאָר ריינע האַנדטיכער, אַ ריין רעקעל, אַמאָל אַ שטיקעל ברויט, אַמאָל אויך אַ חסידיש ספר — אין דער צווייטער האַנד.

אַזוי מעסט ער דורך גאַנץ רוסלאַנד לאָרכה ולרחבה. איהר וועט נישט געפינען קיין איינציג דערפעל, וואו ער איז דאָרטען נישט געוועזען....

נאָך מעהר: אומעטום טהוט ער עטוואָס, אומעטום איז ער עטוואָס מ ת ק ן...

אין איין אָרט אַ קראַנקען בעדיענט, אין צווייטען אָרט אַנ־

אונגליקליכען געטרייסט, אין דריטען אָרט אַ מענשען פון טוידט גערעטעט, אין פירטען אַ מענשען פון אַ שטאַרקע עבירה אָבגעהיט, אין פינפטען אַ זינדיגען מענשען צו תשובה־געבראַכט —

היינט מיט פויערען צוזאַמען, מאָרגען מיט סוחרים, איבער מאָרגען אין אַ חסידיש שטיבעל, נאָכהער אין עפּעס אַ מוסולמאַניש' דערפעל, נאָכהער מיט טשערקעסען און דאַן ווייטער צוריק אין בעלאַראַסיאַ....

היינט אַנ'אַרבייטער, מאָרגען אַ קאָמי־וואָיאַזשער, איבער מאָרגען אַ סוחר, נאָכהער אַ בעטלער, דאַן אַ שמש, אַ מלמד, אַ חזן, דאַן ווידער אַ טאָג־אַרבייטער אין אַ האַפען, אַ פּריקאַזטשיק עפּעס ביי אַ רוסישען סוחר...

ער קומט אָן אין יעדען אָרט, ווי פון הימעל אַראָבגעפאַלען. איהר ווייסט נישט וואוהין ער ווערט פערשוואונדען.

אַזוי פליהט דורך אַ מעטעאָר. פרעגט ביין מעטעאָר, פון וואַנען ער קומט, וואוהין ער ווערט פערשוואונדען...

געקומען פון'ם גרויסען וועלט־רוים און אין איהם נעלם געוואָרען...

פון וואַנען? וואוהין? — פרעגט ווען איהר ווילט, נאָר נישט איהם.

ער ווייס עס נישט און וויל עס נישט וויסען. וואָס גערט עס איהם אָן?...

עס איז איהם אַלץ איינס, וואו צו זיין און וואָס צו זיין. אומעטום און אַלע מאָל האָט ער זיינס צו טהון...

אומעטום און אַלע מאָל זוכט ער זיינע נפשות, וועלכע נויטיגען זיך אין זיין וואָרט און הילף; ער זוכט אויף און געפינט גאַנץ וועלטען אַ נאָהנטען מענשען, וועלכער זאָל איהם פערשטעהן און מיטפיהלען...

אַזעלכע נאָהענטע מענשען האָט ער זעהר ווייניג און זיי געהערען צו פערשידענע שיכטען: אין איין אָרט אַנ'אַלטער אַפּיקורס, אין צווייטען אָרט אַנ'אַלטער רב אין קרים, אין דריטען אָרט אַן איינפאַכער שמיעד, אין פערטען אָרט אַ יונגער ליטעראַט —

און דאָס זענען זיינע איינציגע גוטע פריינד און פערשטעהער אויפ'ן גאַנצען כדור הארץ. פאַר זיי, נאָר פאַר זיי, דערצעהלט ער אַמאָל פון זיין לעבען און מעשים; זיי, נאָר זיי, ענטפּלעקט ער זיינע געדאַנקען און הלומות...

און געדאַנקען האָט ער משוגה'דיגע און הלומות האָט ער אַזעלכע, וואָס קיינער האָט זיי נישט.—

און זיינע געדאַנקען לאָזען איהם נישט רוהען טאָג און נאַכט, נאַכט און טאָג, טראָגען איהם פון שטאָדט צו שטאָדט, פון דאָרף צו דאָרף און דאָך גיעבען זיי איהם אַמאָל אַנ'אוּנגעוועהנליך פריי־דען, אַ רוּהע נישט פון דער וועלט...

און הלומות האָט ער שרעקליכע, ווי שרעקליך עס איז אַליין, וואָס איהם האָט זיך געמאַכט זעהן און הערען און זיין לעבען און דאָך האָט ער אַנדערע הלומות אויך...

ער האָט הלומות פון אַנדערע וועלטען, וועלכע ער זעהט שטענדיג.

ער זעהט יענע ליכטיגע וועלטען, אַזוי ווי ער זעהט די פינסטערע וועלט, וועלכע ווערט נאָר מאָמענטענווייז בעלויכטען דורך טרוימער און ליכט־טרעגער...

ער זעהט יענע וועלטען. ער לעבט שטענדיג מיט זיי און אין זיי. ער טראָגט זיי מיט זיך. ער טראָגט זיי אין זיך.

ער קומט מיט זיי צו מענשען און וואו ער קומט און וואו ער קעהרט זיך ברענגט ער ערלייכטערונג און פערבעסערונג.

אַלע מענשען זענען אונגליקליכע און פינסטערע. מען דאַרף זיי שאַפען האָטש מינוטען פון האָפנונג און גליק.

די וועלט איז פינסטער. אַזוי איז זי געווען, אַזוי איז זי, אַזוי וועט זי זיין.

מען קאָן די וועלט נישט אומענדערן. אַזוי איז זי בעשאַפען געוואָרען. פון בלוט און טרעהרען מוז די ערד אָנגעטרונקען זיין...

וועה איז דעם, וועלכער מיינט די וועלט אומבייטען. עס ווערט אומגעביטען די אָרדנונג, עס ווערט אָבער נישט אומגעביטען די וועלט. עס בלייבט אימער דאָס זעלבע. אַלעבען פול השך און עלענדקייט. —

וועה איז דעם קעמפער! ער מיינט ליכט ברענגען און מאַכט גרעסער דעם השך, ער מיינט גוטס טהון מענשען און טהוט זיי נאָר שלעכטס, ער מיינט טרעהרען אָבווישען און בלוט און טרעהרען ערפילען אַלץ מעהר און מעהר די ערד...

עס אירט זיך דער קעמפער! ער מיינט, אַז מען קאָן די ערד צו אַ גן־עדן מאַכען. אַ שרעקליכער טעות! די ערד האָט גאָט

פערשאָלטען. עס איז דאָ נאָר אַנ'אָרט פון צרות און פון פּיַין —
דער גן-עדן איז דאָרטען, אין יענע, יענע עולמות, וועלכע אַלע נביאים און מיסטיקער האָבען געזעהן —
זיי, די קלאָהר-זעהער, האָבען זיך אָבער אויך פיעל געאירט. זיי האָבען אין יענע עולמות אויך אַגיהנם געזעהן. זיי האָבען די וועלט אין יענע וועלטען אריבערגעטראָגען....
אַמאוס'ער טעות! קיין גיהנם איז שוין מעהר נישטאָ. די וועלט — דאָס איז דער גיהנם. מעהר שרעקליך ווי דאָס גיהנם פון דער וועלט קאָן שוין נישט זיין!...
צו וואָס זאָל גאָט נאָך אַגיהנם בעשאַפען, האָבענדיג אַזאַ טייערען גיהנם דאָ?....
דאָרטען איז נאָר גן-עדן. אַלע מענשען האָבען גן-עדן. אַלע גלייך, גוטע און שלעכטע, זינדיגע און נישט זינדיגע — אַלע האָבען זיך אויף דער וועלט געפּייניגט און אַלע מוזען דאָרטען אַרוהע געפינען.
אַלע געהען אין גן-עדן אריין, נאָר נישט אַלע האָבען איין גן-עדן. יענע עולמות זענען אָהן אַשעור, יעדער מענש לעבט אין אַנדערע עולמות.
יעדער האָט אַגן-עדן נאָך זיינע פאָרשטעלונגען און שטרעבונגען אויף דער ערד...
דער מוסולמאַנער האָט זיך זיין גן-עדן, דער קריסט האָט זיין גן-עדן, דער יוד זיין גן-עדן...
דאָס איז אין כלל. אין פּרט האָט זיך אָבער יעדער בעזונדער זיין גן-עדן לויט זיינע פאָרשטעלונגען, איבערלעבונגען און חלומות...
יעדערענס גן-עדן איז אַמעין פון זיין אינערליכסטען וואונש, פון זיין טיעפּסטער און שטאַרקסטער שטרעבונג. —
אויף דער וועלט זענען אומזיסט אַלע וואונשען און שטרעבונגען. זיי זענען נאָר אויף צו פּייניגען.
און נאָך ערגער: אויף דער וועלט האָט גאָר דער מענש זעהר אָפט אַפאַלשע פאָרשטעלונג פון דעם וואָס ער וויל און צו וואָס ער שטרעבט. ער רעדט דאָס, טהוט דאָס, זוכט דאָס, אין דער טיעפּעניש פון זיין נשמה אָבער שטרעבט ער גאָר צו עטוואָס אַנדערש —
און נישט ווייסענדיג אַליין, וואָס ער וויל און נישט קאָנענדיג ערפילען זיין אינערליכען וואונש איז דער מענש פול ליידען און

צאָרן און גײַעסט אוים זײַנע לײַדען און צאָרן אויפ'ן צווײַטען מענ־שען, אויפ'ן צווײַטען עלענדען און אונגליקליכען...

דאָס אינערליכסטע און דאָס טיעפסטע אין מענשען וועט אָבער דאָרט ען לעבען, דאָרטען וועט עס אַנ'אָרט געפינען, דאָר־טען וועט עס ערקענט ווערען, דאָרטען וועט עס אַרויהע האָבען.

די מענשען זענען אונענדליך פערשידען אין זייערע נשמות, אין זייערע טיעפסטע שטרעבונגען און האָפנונגען און דעריבער זענען אַזוי אונענדליך פערשידען די מינים פון גן־עדן...

אַליין וואָלט ער וועלען זײַן אין דעם גן־עדן, וואו זײַן זיידע זיצט. ער איז זיכער, אַז זײַן זיידע האָט אַזאַ גן־עדן ווי ער האָט זיך געוואונשען.

ער וואָלט וועלען שפּאַציערען מיט'ן זיידען פון היכל צו היכל, אַרײַן אין היכל פון אַלטען רבי, פון דאָרטען צום מעזעריטשער, דאַן צום בעל־שם, צום אַרי"י, און אַזוי ווייטער און ווייטער, העכער, און העכער. ער וואָלט אַרײַן אין היכל פון קן־צפור, דאַן אין היכל משיח, ער וואָלט וועלען משיח'ן זעהען און פרעגען איהם: ווען קומסטו?

ער וואָלט וועלען געהן פון השגה צו השגה, פון מדרגה צו מדרגה, אַלץ העכער און העכער אין רוחניות ביז ער זאָל בטל ווערען אין אין סוף, אַזוי ווי דער שטראַהל פון זון אין דער זון...

זײַן נשמה איז אָבער זעהר טיעף און אומפּאַסענד. ער קאָן אַלץ משיג זײַן, ער קאָן אַלץ מיטפיהלען.

ער פערשטעהט דעם גלויבען פון אַנדערע, די האָפנונג פון אַנדערע —

ער פערשטעהט דאָס גלויבען פון אַנדערע, די האָפנונג פון טרויעריגען ניגון אין בית־המדרש פאַר הבדלה.

עס דרעהען זיך אַרום יודען — שאָטענס, עס שוועבט אין לופט די קדושה פון שבת און די דאגות פון דער ניי געבוירענער וואָך...

ער פערשטעהט דעם טרויער פונ'ם קאַטאָליק בעת ער קניעט זיך אין קירכע, הערט צו קולות פונ'ם אָרגאַן, הויבט אויף די אויגען פול טרויער צו דער הייליגער מוטער....

ער פערשטעהט דעם טרויער פונ'ם מיהאַמעדאַנישען וועכטער, וואָס שטעהט דאָרטען הויך, הויך אויפ'ן שפּיץ פונ'ם מעטשעט

און זינגט זיך זיין טרויעריגען, מאגאטאניגען מזרח־ניגון...

ער פערשטעהט אלץ און פיהלט אלץ. ער פערשטעהט אלע שוואכהייטען פון מענשען, אלע שמערצען און ליידען, אלע פער־בארגענע האפנונגען...

און ליעב האט ער אפט מאל זיין אויפ'ן וואקזאל פון איינעם פון די גרעסטע שטעדט, אויסזוכען עפעס א זייטיג ווינקעלע, אנ־לעהנען זיך אויף זיין ארים קערבעלע און קוקען אין פנים אריין אלע אלע מענשען, וואס געהען פארביי.

טויזענדער מענשען דרעהען זיך אום הין און הער, טויזענדער מענשען פון פערשיעדענסטע נאציאנען, קלאסען, שיכטען, פער־שיעדענסטע האראקטערען, פערשיעדענסטע נשמות, פערשיעדענסטע האפנונגען...

וועלטען גאנצע געהען פארביי איהם דורך, וועלטען פול בענקשאפט און ליידען, וועלטען פון נישט ערפילטע האפנונגען, פון אבגענארטע חלומות —

אין איין מאמענט זעהט ער זיי אלעמען קליין און גרויס, שען און מאוס, ער זעהט זיי אין גאנצען. ער זעהט די נשמות זייערע, זייער בענקשאפט, זייער גלויבען, זייער עבר, זייער עתיד, זייערע פריהערדיגע דורות, זייערע קינפטיגע דורות...

ער ווייס, פון וואסערע וועלטען זיי קומען און אין וואסערע וועלטען זיי וועלען פערשווינדען —

ער פאסט עס אלץ אום אין איין אויגענבליק און פיהלט אז אזוי איז עס אייביג געווען, אזוי וועט עס אייביג בלייבען. מען קאן עס נישט אומבייטען. דאס איז דאס לעבען...

און אן'אונגעהויער רחמנות און די שטארקסטע ליעבע ערפילען איהם און ער געהט ווייטער זיין וועג...

מען קאן גאר נישט אומבייטען. מען קאן אבער מאמענטענווייז ליכט ברענגען, מען קאן גוטע בשורות ברענגען פון יענע וועלטען...

## II

און ער קומט צו יעדען אונגליקליכען, דערצעהלט איהם פון יענע גוטע וועלטען, מאכט איהם גרינגער מיט וואס ער קאן, גיעט איהם גלויבען און האפנונג...

פריי שפּילט דער ווינד הינטערן שטאָדט. קיינער שטערט איהם נישט. ער בעוועגט אַלעס אַרום. עס רוישען די בוימער. עס ציטערען די בלעטער. עס טראָגען זיך אין לופטען שטיקלעך אָפּ־געבראָכענע צווייגען, פערוועלקטע אַראָבגעפאַלענע בלעטער, פער־דאַרטע אָפּגעריסענע גרעזלעך. עס קומען אָן הזאַליעס ווינד פון ווייטע ערטער און דערצעהלען עפּעס ווייטע, ווייטע מעשיות, ברענגען געריסען פון ווייטע, ווייטע וועלטען....

אַרום בערגעל שטעהען צוויי עלענדע בוימער. דער ווינד האָט זיי עפּעס אַ נאַכריכט געבראַכט, פון וועלכער זיי זענען פערציטערט געוואָרען. לאַנג, לאַנג האָבען זיי מיט׳ן ווינד געשמועסט. עס וויינט וויינט דער ווינד...

יוסף האָט דאָס וויינען דערהערט. אַ שוידער האָט איהם דורכ־גענומען. ער איז פון בערגעל אַראָב געלאָפען און איז אויפ׳ן ברייטען פעלד אַרויס.

ער לויפט און דער ווינד יאָגט איהם נאָך, דרינגט דורך זיין אָרעם אויבער־קלייד, נעהמט איהם אַרום פון אַלע זייטען, אַרעמט איהם אום מיט גרויס קראַפט, רוימט איהם זיינע סודות אין אויער איין...

הונגער און קעלט, אַנגסט און פּיין, די אַכזריות פון די שטאַרקע, די קנעכטשאַפט פון די שלאַפע, פאַלשקייט און נידערטרעכטיגקייט, ערביטערונג און פערצווייפלונג, פרעמדקייט און עלענדקייט אָהן אַ סוף..

שטאַרקער און שטאַרקער ווערט דאָס געוויין, שרעקליכער און שרעקליכער ווערען די סודות...

און דאָס געוויין געהט איבער אין אַנ׳אונגעהויער קלאָגען. עס קלאָגען הימעל און ערד. עס קלאָגט אַלץ, וואָס איז בעשאַפען געוואָרען.

און דאָס קלאָגען געהט איבער אין אַ שרעקליכען וואוט. עס שטעהט אַלץ אויף געגען דעם העדר פון דער וועלט...

דער ווינד הויבט אָן רייסען די בוימער פון וואָרצעל. עס ריהרען זיך די בערגלעך פון אָרט. עס טאַנצען רוחות...

מען הערט נאָר דעם שטורם, מען זעהט נאָר די פינסטערניש...

ער הויבט אויף די אויגען, זוכט די שטערען, זוכט יענע וועלטען. אַלעס, אַלעס איז פערשוואונדען געוואָרען. די פינסטערניש האָט אַלעס איינגעשלונגען.

עס וויל אַלעס חרוב ווערען, אַלעס וויל תוהו ובוהו ווערען.

עס מישען זיך ביי איהם די געדאַנקען. עס פלאָנטערען זיך ביי איהם די הלומות. די הלומות פון דער וועלט און די הלומות פון יענע וועלטען טאַנצען צוזאַמען...

אָט זעהט ער זיי, אָט זעהט ער יענע ליכטיגע וועלטען, אָט בעלייכטען זיי אַלעס אַרום איהם און אין איהם, אָט זעהט ער די וועלט, די היגע חלומות, די ערדישע האָפנונגען און אַלעס פאַלט אין אין אָבגרונד אַריין...

אָט זעהט ער זיך אַ קליין יונגעלע, זיצט ביי'ן זיידען אין סוכה. די סוכה אַרומגעשלאָגען מיט שענע אויסגעמאָלטע פאָר־האַנגען, עפעל הענגען אַראָב. דורכ'ן גרינעם סכך זעהט זיך דער בלויער טיעפער הימעל. דער זיידע טראָגט אַריין דעם אתרוג אין סוכה. דער אתרוג אַ „מהודר", דער לולב — אַ בהיר. פון אַ שענער זילבערנער כלי קוקט דער אתרוג אַרויס מיט אַ בעזונדער הרחבה. אַ זונען־שטראַהל דרינגט דורך דעם גרינעם סכך און פאַלט אויפ'ן זיידענס גרויע באָרד. דער זיידע רופט אַלע היילינגע „אושפיזין", זיי זאָלען צו איהם אין סוכה קומען און איז מתפלל, אַז די סוכת דוד זאָל אויפגעשטעלט ווערען....

עטליכע עלטערע הסידים זיצען ביי'ן זיידען אין סוכה. מען רעדט אַז היינט איז די סוכת דוד אין גרויס שפלות, באַלד וועט זי נתעלה ווערען. מען זעהט שוין טאַקי עקבא דמשיחא...

שטאַרקער האָט די זון אָנגעהויבען שיינען און גאַרבען שטראַ־לען זענען אין סוכה אָנגעקומען.

ליכטיג איז דעם זיידענס פנים געוואָרען, אין זיינע גרויסע שוואַרצע אויגען האָט זיך אַ געטליך פייערל בעוויזען, דאָס שטריימעל אויפגעהויבען, עס זעהט זיך דער גרויסער שטערן, עס איז מאיר דער צלם אלהים....

אַ צווייטעס בילד לויפט דורך. ער זיצט ביי'ן גוטען יודען אין ל. און הערט הסידות.

פאַר הבדלה. דער צימער פול שאָטענס. זיי רוהרען זיך נישט. זיי בעוועגען זיך נישט. אַלעס וואַרט.

עס בעוועגט זיך קוים איין שאָטען. עס הערען זיך שטילע טיעפע ווערטער.

... און אַז אַלע וועלען דערקענען, אַז „כי הוא היך", אַז ער

איז דאָס גאַנצע היות און הוץ איהם איז נישטאָ קיין היות.... כי הוא הייך, אַפילו אין אַלע קליפות איז אויך זיין היות און נאָר זיין היות...

און אַז אַלע קליפות וועלען עס דערהערען וועלען זיי בטל ווערען במציאות. כהמס דונג מפני אש...

און אַז עס וועלען בטל ווערען די קליפות וועט שוין דער שם אלהים נישט דאַרפען פעסטשטעלען דעם שם הויה...

און אַז עס וועט מאיר זיין דער שם הויה בשלימות וועלען אַלע העליונים ותחתונים דערזעהען עצמות אלהות.. .

שטאַרקער און שטאַרקער בעוועגט זיך דער שאָטען, היילינגער און סוד׳ענדיגער ווערען די ווערטער, עפּעס ווי פון פינסטערען שטח הויבען זיך אָן הערען שטילע טיעפע זיפצען, אָבגעריסענע שטיקלעך נגונים...

און איין אונגעהויער הימעל-טרויער דערפילט אַלעמען, עס רייסט איהם אַליין, צו דעם קוואַל, צו דער אייביגער זון...

עס איז שוין לאַנג נאָך הבדלה. פון גאַס הערען זיך וואָכענדיגע קולות, קולות פון ד ע ר וועלט, עס קלינגען די שליסלען, מען עפענט די קראָמען, עס פאָהרען פוהרען, עס הויבט זיך אָן דער וואָך-קריג...

און דאָ אין צימער איז נאָך אַלעס איינגעהילט אין פינסטערע שאָטענס, עס הערען זיך נאָך די הימעל-ווערטער, עס שוועבט נאָך די נשמה יתרה, די קליפה קאָן נישט אַריין אַהער...

דאָרטען רוישט עס און עס קלאַפּט און עס שפּיעלען אַלע תאוות, דאָ ווערען בעשאַפען פליגלען און עס טראָגט זיך אַריבער און אַריבער אַלע זיבען הימלען, אַריבער און אַריבער אַלע ה ב ל....

# אונזער אידעאל.

I

נישט נאָר די תּורה האָט אין זיך נגלה און נסתּר, נאָר אויך יעדער געדאַנק, יעדעס אידעאַל, יעדער טרוים.

יעדער וועלט־געדאַנק האָט זיין קערפּער און זיין גייסט. די ברייטע פאָלקס־מאַסען זעהען דעם קערפּער, די טיעפערע זעהען די נשמה.

לאָמיר נעהמען צום ביישפּיעל דעם סאָציאַליסטישען געדאַנק. די ברייטע פאָלקס־מאַסען זעהען זיין קערפּער: עס וועט נישט זיין קיין הונגער און קיין נויט, קיין שקלאַפערייַ און קיין דרוק.

די טיעפערע, פערשטעהענדיג גוט די תּורה פון זייער רבי'ן, אַז נאָך דער קעניגרייך פון דער נויטוועבדיגקייט מוז קומען די קעניגרייך פון פרייהייט, בעגרייפען שוין דעם אידעאַל אַזוי: די פּערזאָן וועט בעפרייט ווערען פון אויסערליכען דרוק און וועט קאָנען פריי שאַפען.

אונזער נאַציאָנאַלער אידעאַל, אונזער שטרעבונג צום פאָלק און לאַנד האָט אויך זיין נגלה און זיין נסתּר...

וועגען זיין נגלה האָט מען שוין אַ סך גערעדט, וועגען זיין נסתּר וויל איך איצט אַ פּאָר ווערטער זאָגען.

צייט צוויי טויזענד יאָהר, אַז מיר זענען אין גלות. מיר זענען אַזוי געוואָהנט צום וואָרט „גלות", אַז מיר פערגעסען גאָר אָפּט, וואָס דאָס הייסט אייגענטליך.

גלות הייסט קודם כּל, אַז דאָס יודישע פאָלק לעבט צייט צוויי טויזענד יאָהר אין די פערשיעדענסטע לענדער פון דער וועלט,

רעדט אויף די פערשידענסטע שפראכען פון דער וועלט, נעהמט איבער מנהגים און דעות פון אללערליי מענשען און פעלקער, — דאס אללעס האט געמאכט דעם יודען פאר א וועלט-מענשען, פאר א פערמיטלער, אמאל זאגאר אויך פאר א ליכט-טראגער, פאר א השכלה-פרטיר; אין דער זעלבער צייט האט זי איהם אבער אויך געמאכט אונפעהיג צו שאפען עטוואס אריגינעלעס, עטוואס וואס זאל זיין זיינס און נאר זיינס.

אזוי ווי דער, וואס האט פיעל געטער האט קיין איין אמת'ן גאט ניט, אזוי האט אויך דער, וואס האט פיעל שפראכען קיין איין שפראך ניט, דער וואס האט פיעל לענדער, קיין איין לאנד ניט.

א מענש פון דער ערד, א געוועהנליכער, א נארמאלער, א מענש, וואס האט זיין לאנד, זיין שפראך, זיין בעשטימטע נאציאנאליטעט, זיין בעשטימטע סביבה, — ווערט צונויפגעוואקסען, פעראייניגט מיט דעם אללעמען, עס געהט אללעס אריין ביי איהם אין בלוט און פלייש, אללעס ווערט ביי איהם פערוואנדעלט אין לעבענס-אינסטינקטען.

אט די לעבענס-אינסטינקטען געהען אריבער בירושה מדור לדור, זיי שטארקען זיך, זיי ווערען טיעפער. זיי ווערען אויסגעעדעלט, פערפיינערט, ביז עס שאפט זיך א געוויסע פאלקס-קולטור.

דער יוד לעבט אבער לגמרי אנדערש. ער בעשעפטיגט זיך ניט, ס'רוב, מיט דעם, וואס זיינע עלטערען האבען זיך בעשעפטיגט; זיינע אייגענע בעשעפטיגונג מוז ער אויך טוישען אלע ווייל ער איז ניט צוגעוואקסען צו קיין בעשטימטען ארט און צו קיין בעשטימטען לאנד: ער איז געצוואונגען זיי שטענדיג צו טוישען. מען טרייבט איהם פון איין ארט מוז ער לויפען אין אנ'אנדער ארט.

דער יוד ווערט אלזא א בירגער פון דער גאנצער וועלט, ער האט אבער קיין איין ארט ניט, וואו זיין נשמה זאל א רוהע געפינען.

דער יוד ווערט טאקי פעהיג צו אלץ, ער בעגרייפט אלץ, אלע קולטורען, אלע שפראכען, אלע אידעאלען, ווייל ער איז צו קיין ארט ניט צוגעבונדען און ווייל ער האט אין זיך קולט געווען פערשידענע שפראכען, פערשידענע קולטורען.

אין דער גרויסער מעלה איז אבער פאראן זעהר א גרויסע

חסרון. ער נעהמט צו אַלעס גיך און שיידט זיך פון אַלעס גרינג, „כבולעו כך פולטו", ווי דער תלמוד זאָגט: קיין זאך איז ניט זיינע, נישט פון זיין ערד און נישט פון זיין שפּראַך און קולטור האָט ער עס גענומען.

אמת, מיר האָבען זעהר אַנ'אַלטע, רייכע ירושה, אָט יענע אַלטע רייכע ירושה גיעט אונז מוט און לעבען צייט טויזענדער יאָהרען. זאָט יענע אַלטע ירושה האָט אין אונז אַנ'אייביגע בענק־שאַפט פערפלאַנצט, אַנ'אייביגע שטרעבונג, אַנ'אייביגע זוכעניש, מיר זוכען אונזער שכינה, אונזער משיח.

מיר מוזען אָבער געדענקען, אַז אַפילו גייסטיגע גיטער, ווען זיי ווערען נישט ערפרישט אַלע ווייַלע, שעפּען זיי זיך אויס, ווערען ווייניגער און שוואַכער פון יאָהר צו יאָהר, פון טאָג צו טאָג —

און אין די לעצטע צעהנדליגער יאָהרען זעהען מיר בחוש, אַז מיר ווערען אָן פון טאָג צו טאָג די אַלטע ירושה אונזערע, עס ווערט אָבגעריסען פון אונז מיט געוואַלד אַלץ, וואָס האָט אונז פערבונדען מיט דער נבואה און אַלץ, וואָס עס האָט אונז געגעבען האָפנונג, אַז די נבואה וועט זיך צו אונז אומקעהרען.

דער יוד אין זיין גייסטיגען לעבען, איז אַלזאָ געבליבען אַ קרה מכאן וקרה מכאן. די פרעמדע געטער דיענט ער נישט און קאָן זיי נישט דיענען ערנסט, האָטש ער פערשטעהט זיי און בעגרייפט זיי און זיין אייגענעם גאָט פערגעסט ער פון טאָג צו טאָג.

ער איז געבליבען אַלזאָ אַמין גרינגע בעשעפעניש, אַ בעשעפעניש, וואָס איז פּועל־פאַרביג, וועלכע האָט אָבער אין זיך קיין כח החיים נישט, אַ בעשעפעניש, וואָס ווייס נאָר, אַז איהר פעלט עפּעס, און וואָס איהר פעלט ווייס זי ניט.

מיט דער צייט וועט דאָס אויך פערהלען: דער יוד וועט זאָגאַר אויפהערען מרגיש זיין, אַז איהם פעלט עפּעס. ער וועט אויפ־הערען בענקען, ער וועט אויפהערען שטרעבען צו אַ בעסערע צוקונפט.

און אויב עס וועט אַזוי ווייטער געהן, אויב דאָס יודישע לעבען וועט נישט אַריבער געטראָגען ווערען אין אַ אייגענעם צענטר, אויף אַנ'אייגענער פרייער טעריטאָריע, אויב דאָס יודישע פאָלק וועט נישט זיין אַ פאָלק ווי אַלע פעלקער, דאָס הייסט אַ פאָלק, וואָס האָט אַ לאַנד און איז צוגעבונדען צו זיין לאַנד, לעבט מיט איהם, אין איהם, און ליידט מיט איהם, שעפּט פון איהם נחמה און רוח

הקודש, וועט ער ווערען אַלץ איבערפלעכליכער, גרינגער, גייס־טיג־נידעריגער.

מען שרעקט אונז מיט אַסימילאַציע — דאָס איז אַודאי אַ גרויסע צרה, פאַרהאַן אָבער נאָך אַ גרעסערע צרה, דאָס איז דאַן, ווען דער יוד איז גאָר נישט.

שלעכט איז ווען דער יוד וועט ווערען אין דייטשלאַנד — אַ דייטש, אין פראַנקרייך — אַ פראַנצויז,

נאָך ערגער איז אָבער, אַז ער וועט גאָר נישט ווערען.

זאָגט איהר: ער וועט אַ מענש ווערען אַ סתם־מענש, האָט איהר אַ מוראדיגען טעות. קיין סתם־מענשען זענען נישטאָ, סתם־מענשען, וועלט־בירגער, קאָנען זיין נאָר יחידים, אָבער נים די ברייטע פאָלקס־מאַסען, זיי מוזען שטענדיג עפּעס זיין.

„די נאַטור קאָן נישט אַריבערטראָגען קיין פוסטקייט" — גרויסע פאָלקס־מאַסען קאָנען נישט אַרומשוועבען גלאַט אין עולם התהו, זיי וועלען מוזען אַלזאָ אַ קערפּער האָבען, אַ לבוש האָבען.

עס וועט אַלזאָ אַזוי זיין: יודען וועלען זיין רוסען, דייטשען, פראַנצויזען, ענגלענדער, יאַנקעס, נאָר שלעכטע, שוואַכע, איי־בערפלעכליכע.

אַ מין אָבשפּיגלונג פון דעם האָט איהר אין יענע יודען, וועלכע פייערען קריסטליכע ימים טובים, מאַכען קריסטוס־בוימער — קאָן מען דען רעכנען זיי פאַר קריסטען? אַודאי נישט.

זענען זיי דען יודען? אַודאי נישט.

סתם מענשען אויך נישט — סתם מענשען האָבען נישט צו טהון מיט ספּעציעל רעליגיעזע ימים טובים. אלא וואָס דען? — עלענדע אַפען, וואָס מאַכען נאָך און וויסען אַליין נישט, וואָס זיי טהוען.

אַזוי געהט עס, אַהין פיהרט דער גלות, ווייטער, ווייטער וועט אַלץ ערגער און ערגער זיין, ווען די יודישע נשמה וועט נישט בעקומען אַ גוף; ווען די יודישע נאַציאָנאַלע אידעע וועט נישט בעפעסטיגט ווערען אין אַ פריי־לאַנד און אין אַלע גלות־לענדער.

דאָרטען וועט דער יוד אויף אַמאת זיך ערקענען, ער וועט שעפּען זיין גייסטיג־לעבען, זיין גלויבען, זיין האָבען, פון וואַנען אַלע שעפּען: פון זיין לאַנד.

## II

אַמאָל פּלעגט מען אַזוֹי זאָגען: אַלעס וואָס איז אויף דער ערד איז בעשאַפען געוואָרען פון דער ערד, אַלעס וואָס איז אין הימעל איז בעשאַפען געוואָרען פון הימעל.

היינט זאָגט מען אַנדערש: אַלץ האָט דיר די ערד געגעבען, דיין גוטס, דיין שלעכטס, דיין פרייד, דיין טרויער, דיין פערגניגען, דיין ליידען, דיין גלויבען, דיין האָפען, דיין שטרעבען. די מוטער ערד גיעט אַלעס, אפילו דאָס, וואָס דו רופסט אָן קלוג, שען, ריין, היילינ. די ערד שאַפט נישט נאָר דאָס, וואָס מען רופט אָן „ערד־זאַכען", נאָר אַפילו דאָס, וואָס מען רופט אָן „הימעל־זאַכען".

דער גרעסטער דענקער און דיכטער פון דער לעצטער צייט זאָגט דערביי: „איך בעשווער אייך: בלייבט אימער טריי דער ערד און דעם זין פון דער ערד".

אַמאָל פּלעגט מען אַזוֹי זאָגען: דו האָסט אין זיך גוף און נשמה. דיין גוף האָט אַנדערע בעגעהרען, די נשמה — הימעל־זאַכען, דיין גוף ציהט דיך אַראָב, אין דער נידער, דיין נשמה ציהט דיך אַרויף, אין דער הויך, דיין גוף מאַכט דיך שווער, דיין נשמה גיעט דיר פליגלען.

דאָס גאַנצע אַלטערטום האָט אַזאַ בעגריף פון גוף און נשמה. עס גיבען נאָר פערשידענע מיינונגען וועגען די פערהעלטניסע צווישען גוף און נשמה. אין אַלגעמייגע האָבען מיר צוויי וועלט־דעות: די יודישע און קריסטליכע דעה, וועלכע זאָגט, אַז גוף און נשמה זענען צוויי אייביגע שונאים, ווען עס שטאַרקט זיך איין צד ווערט שוואַך דער אַנדער צד, ווען עס שטאַרקט זיך דער גוף, קלאָגט די נשמה, ווען עס שטאַרקט זיך די נשמה, מוז דער גוף אונטערגעהן („הולשא דגופא תוקפא דנשמתא"); און די צווייטע דעה, די אַלט גריכישע, וועלכע זעהט אין גוף און נשמה אייביגע גוטע פריינד, וואָס ערגענצען איינע די צווייטע, ערפילען איינע די צווייטע (אַ געזונדע נשמה אין אַ געזונדען גוף).

מיט די צוויי וועלט־דעות, וועלכע געהען זיך פונאַנדער זעהר ווייט איינע פון דער צווייטע, אַזוֹי ווייט, אַז זיי בילדען צוויי בעזונדערע וועלט־אַנשויאונגען, וואָס זענען פאָלקאָמע קאָנטראַסטען, דאָס יודענטהום און דאָס גריכענטהום, האָבען זיך אָבער אין זיך עטוואָס

געמיינזאמעס: אין טיעפען גרונד ערקענען ביידע דעם דואליזם, די צווייזשפאלטונג פון גוף און נשמה, זייער בעזונדער טבע, זייער בעזונדער מהות, זייער בעזונדער אורשפרונג, דער הלוק איז נאר דאס, וואס די ערשטע, די יודען, זעהען דעם צוזאמענשטויס צווישען גוף און נשמה, די זייטען וועלכע טרענען זיי, שיידען זיי, שטעלען זיי אויף איינע געגען די צווייטע, און די צווייטע, די גריכען, זעהען די זייטען, וועלכע פעראייניגען זיי, פערגלייכען זיי. די יודען זעהען קאנטראסטען, די גריכען זעהען — פאראלעלען.

היינט זאגט מען אבער גאר אנדערש: אלעס איז איינעס: עס איז נאר „מענש", נישטא קיין קאנטראסטען פון גוף און נשמה. דו האסט אין זיך נאר אלס מענש פערשיעדענסטע נייגונגען און שטרעבונגען. דער מענש, וואס אין דיר איז, אליץ איינס רוף עס גוף צי נשמה, בענקט, זוכט, גלויבט, האפט, שטרעבט צו א בעסערע צוקונפט, שטרעבט צו פערפיינערען און פערבעסערען דאס לעבען, צו פערבעסערען די בעדינגונגען פון לעבען.

אט דער גרויסער דענקער און דיכטער, וועלכער האט בעשוואוירען, מ׳זאל דער ערד טריי בלייבען, דריקט זיך נאך שארפער אויס: דאס וואס דו רופסט אן נשמה, איז נאר עטוואס, וואס ביי דיר איז אין גוף.

און אזוי ווי ער בעשווערט אימער טריי בלייבען דער ערד, אזוי בעשווערט ער אימער טריי בלייבען דעם גוף, דען דער גוף איז איבער אלעס, ער איז דער „גרויסער איך", דער וואס שאפט אלע ווערטען, דער וואס איז דער מקור פון אלעס שענעס און גראנדיעזעס אין לעבען און שעפפונג.

דאס איז נישט דאס, וואס מען רופט געוועהנליך אן „עקאנאמישער מאטעריאליזם", דאס איז זאגאר נישט דאס וואס מען רופט אן „מאטעריאליזם" אין אלגעמיין.

„דער זין פון דער ערד", ווי מיר פאסען עס אויף, לייקענט נישט אב דאס גייסטיגע, דאס איביגע, דאס געטליכע. אדרבא: ער מיינט נאר דאס העכסטע, דאס טיעפסטע אין וועלט און מענשען, נאר אויף דעם ארט פון הימעל זעהט ער — ערד. מיט אנדערע ווערטער: ער וויל דעם הימעל אויף דער ערד אראבטראגען. ער וויל אז די ערד, אט די „פינסטערע ערד", ווי מען פלעגט אמאל זאגען, זאל הימעל ווערען.

ער וויל נישט פערניכטען די נשמה אין מענשען, נאר, אדרבה, ער וויל די נשמה צום גוף אראבפיהרען, ער וויל, אז דער גוף זאל נשמה ווערען.

איך וויל דא נישט זעהר וויט פערגעהן אין ערקלערונגען אין בעטראכטונגען פון פערשיידענע וועלט-פראבלעמען, איך מוז אבער דא אנצייכנען, אז האטש אפילו די דערמאהנטע וועלט-אויפפאסונג איז אביסעל צו איינזייטיג, און זי זעהט נישט איין, אז מען קאן דאך נישט אלעס פון איהר ארויספיהרען און אלץ צו איהר צופיהרען, דאך איז זי אין גרויסען טייל — דער אמת אליין.

אמת: מען מוז פיעל טיעפער אריינדרינגען אין די וועלט-געהיימניסע און מען מוז אמאל צולאזען די בעריהרונג פון מענשען אין געוויסע גרויסע מאמענטען מיט אנדערע וועלטען, העכערע וועלטען, מיט איבער-ערדישע וועלטען, מיט יענע סודות וואס, ווי ווי שעקספיר האט זיך אויסגעדריקט, זענען גאר נישט בעוואוסט די וועלט-חכמים און זיי האבען זיי אפילו אין חלום נישט געזעהן. עס בלייבט דאך אבער אין גרעסטען טהייל אמת, אז די ערד בעשאפט דעם הימעל, אז די ערד בעשאפט דאס שענסטע און דאס הייליגסטע.

„די בעריהרונג פון מענשען מיט אנדערע וועלטען" קומט פאר אין זעלטען-זעלטענע צופאלען, סיי אין לעבען פון כלל און סיי אין לעבען פון פרט, — די ערד בעשאפט אבער דאס שטענדיגע, דאס וואס גיעט דעם מענשענס אלטעגס לעבען א זין. זי בעשאפט נישט נאר דאס געמיינע, דאס איינפאכע, נאר אויך דאס גרויסע, דאס שענע, דאס עדעלע, דאס פיינע. זי גיעט דעם דענקער זיין געדאנק, דעם דיכטער — זיין טרוים. זי שאפט דאס ווארט, דאס בילד, דעם אידעאל.

נאך מעהר: ווען עס קומען אפילו אט יענע גרויסע מאמענטען אין מענשענס לעבען, ווען דער מענש ווערט טאקי געפליגעלט און ער פיהלט זיך און זעהט זיך איבער דער ערד און איבער אלע קינדער פון דער ערד, אין יענע מאמענטען, ווען דער מענש ווערט ווירקליך פערברענט אין געטליכען פלאם און ווערט איינס מיט'ן אין-סוף — אפילו אט דאס האט די ערד צו געגרייט; זי האט עס נישט געשאפען, זי האט אבער געגעבען דעם מאטעריאל דערצו, זי האט די נויטיגע הכנות געמאכט, זי

האָט געענוג געדאַט צו בילדען און צו שאַפען, צו ריינינגען און צו אויסלייטערען, צו באַשענען און בעצירהרען ביז זי האָט יענע פערזאָנען אָדער פעלקער בעשאַפען, וואָס זענען אין גרויסע מאָמענטען מוכשר צו מקבל זיין די געטליכע השפעה.

---

די ערד איז נישט נאָר גרויס און שען, נאָר אויך — הייליג!

שען איז גאָטס ערד, בשעת די זונען-שטראַהלען גלעטען די און קושען זי, שען איז זי, בשעת יעדעס גרעזעלע, יעדעס בוימעלע שפּראָצט און בליהט, שען איז זי, בשעת זי לעכצט און בענקט נאָך הימעל-טהוי, נאָך הימעל-רעגען, שען איז זי, בשעת גאָט בעוויזט זיך איהר אין שטורם, אין דונער, אין בליטץ, שען איז זי, בשעת די שניי-קליידער פערדעקען זי און פערהילען זי, שען איז זי אין יעדער צייט און אין יעדען אָרט, אין באַרג און טהאָל, אין פעלד און וואַלד, ווען עס געהט אויף די זון, ווען עס פערגעהט די זון — הייליג איז זי אָבער בעזונדערס, ווען עס רוקען זיך אָן די נאַכט-שאָטענס.

בשעת עס קומט אָן די טיעפע נאַכט און דער מענש דערפיהלט דעם סוד פון אַלעם וואָס לעבט, זוכט און ליידט, אין די טיעפע שטילע מינוטען, בשעת דער מענש איז אַליין מיט זיין געדאַנק, מיט זיין טרוים, מיט זיין נשמה, מיט זיין גאָט, אין יענע שטילע מינוטען שאַפט זיך אַליך און בויט זיך אַליך, אַליך וואָס מאַכט דעם מענשענס לעבען פיין און עדעל, גראַנדיעז און רייך —

און דאָ קומט דאָס לאַנד, די ערד, אויף וועלכער דער מענש זיצט, די ערד וואָס איז זיינע פון פיעל, פיעל דורות, זי, די מוטער זיינע, דערצעהלט איהם איהר ליידען, איהר שמערץ, איהר בענקשאַפט, זי גיעט איהם די בילדער, די שטימונג, און ער טהוט עס אַלעם אָן בלוט און פלייש, און טראָגט עס אין לעבען אריין, אין לעבען פון זיין פאָלק.

די ווירקונג פון דעם לאַנד, פון אַ געוויסען אָרט, איז אַלזאָ נישט ווי מען פלעגט אַמאָל מיינען (למשל, באָקל און דאָס גלייכען). נאָר אין קלימאַט, נאָר אויך אין אַליך. זי שאַפט אַליך וואָס אויף איהר, ווייל זי שאַפט דעם הלום, דעם געדאַנק, די שטימונג.

זי שאַפט נישט נאָר מיט איהר בעזונדער קלימאַט, נאָר אויך מיט איהרע פערשיעדענסטע סיטואַציען, מיט איהרע פעהשיעדענסטע

פיִזאַושען, פערשיִעדענסטע ניואַנסען, פערשיִעדענסטע גיטער, פער־שיִעדענסטע הלומות, וואָס שוועבען אין איהר לופט.

דאָס וואָס איין לאַנד גיעט, גיעט נישט דאָס צווייטע לאַנד, דאָס וואָס איין פאָלק שאַפט — שאַפט נישט דאָס צווייטע פאָלק. די פעלקער געהמען נאָר איבערה איינע ביי די צוויטע, פערשטעהן און פיהלען איינע די צווייטע אין אַ געוויסער מאָס; דאָס אָרט פון שאַפען אין אורשפרונג, איז ביי יעדעס פאָלק אַנ'אַנדערס.

געטהע און שילער — האָבען געקאָנט נאָר ביי די דייטשען זיין, וואָלטער און רוסאָ האָבען געקאָנט נאָר ביי די פראַנצויזען זיין, טאָלסטאָי און דאָסטאָיעווסקי האָבען געקאָנט נאָר ביי די רוסען זיין, איבסען און ביערענסאָן — נאָר ביי די נאָרוועגען. דאָס לאַנד שאַפט זיי, דאָס פאָלק שאַפט זיי, זייער פאָלקס־נשמה, זייערה לאַנדס־נשמה בעגייסטערט זיי.

אַמאָל, אין אַלטערטהום, פלעגט מען עס אָנרופען „אלהי הארץ" (דער גאָט פון דער לאַנד), די תלמודיסטען נענען עס — דער שר פון דער אומה, דער גאָט, פון דער אומה, אין דער לעצטער צייט פלעגט מען עס אָנרופען: די נשמה פונ'ם פאָלק.

נאָר ווי מען זאָל עס נישט אָנרופען: איינס איז קלאָהר, אַז אַלעס גייסטיגעס גיעט אַ געוויסעס בעשטימטעס לאַנד, אַלעס שענעס און ערהאַבענעס ציהט זיין הזונה פון די שרשים, וועלכע זענען טיעף, טיעף אין דער ערד.

דאָס פאָלק, וואָס וויל שאַפען, מוז ערד האָבען, מוז אַ לאַנד האָבען.

---

## III

ברידער! אויף אייער אַרבייט וואַרטען פיעל דורות. נישט נאָר אַייערע קומענדיגע דורות וועט איהר אַ גאולה ברענגען, נאָר אויך אַלע פריהערדיגע דורות.

צוליעב וואָס האָבען געלעבט און געליטען אַלע אונזערע הייליגע און גבורים?

צוליעב וואָס האָבען געקעמפפט און געזיעגט די השמונאים?

צוליעב וואָס זענען אונזערע קדושים אין פייער געגאַנגען,

און איבערגעטראָגען אַלע ענוים פון מסעי הצלב, אינקוויזיציע, גזירת ת״ה? ניט שוין זשע צוליעב דעם, אַז פון יודישען פאָלק זאָל בלייבען אַ הייפעל שקלאַפען און קבצנים?

ניט שוין זשע האָבען צוליעב דעם אונזערע נביאים הימעל און ערד געשטורעמט, בכדי פון יודישען פאָלק זאָל בלייבען אַ מין עלענדע אונגליקליכע מאַסע, וואָס קאָן נישט לעבען און קאָן נישט שטאַרבען?

נישט שוין זשע זענען יודען צוליעב דעם אויפ׳ן באַרג סיני געשטאַנען און טראָגען אין זיך אייביג, אייביג דעם גרויסען אידעאַל פון משיה, פון וועלט-ערלעזונג?

קאָנען דען עטליכע אונגליקליכע קרעמערלעך און דערשלאָגענע בעלי מלאכות די וועלט ערלעזען?

האָבען דען אויף דעהויף געגאַרט אַלע נשמות? האָבען דען דערצו געשטרעבט אַלע גרויסע יודישע הערצער?

האָבען דען דערצו געשטרעבט אַלע יודישע פילאָזאָפען און משוררים?

האָבען דען דערצו געשטרעבט אַלע אונזערע עלטערען?

ווייסען מיר דען נישט, אַז יעדער יוד טראָגט אין זיך אַ ניצוץ פון משיה?

זאָל דען דאָס אַלעס צו גרונד געהן אינ׳ם פינסטערען גלות?

ניין! די לעצטע כחות אונזערע מוזען מיר אָנשטרענגען בכדי צו שאַפען אַ זיכערע היים פאַר די וועלט-וואַנדערער, בכדי צו ברענגען אַ גאולה אַלע נשמות און אַלע רוחות.

זאָל יעדער יוד שווערען מיט׳ן הייליגען משורר:

איך וועל נישט שלאָפען, איך וועל נישט רוהען, ביז איך וועל דעם יודישען גאָט איין רוהע-אָרט געפינען!

אין ספרים שטעהט געשריבען, אַז אין יענע הויכע, ווייטע עולמות בלאָנדזשען אַרום פיעל נשמות הונגעריגע און נאַקעטע.

דאָרט אין יענע עולמות דאַרף מען האָבען אַנדער ברויט און אַנדערע קליידער: אונזער ברויט און אונזערע קליידער טויגען דאָרטנישט.

יאָ, עס זענען דאָ אַזעלכע עולמות, און דאָרטען בלאָנדזשען אַרום אַזעלכע אונגליקליכע נשמות.

צווישען אָט יענע אומגליקליכע נשמות בלאָנדזשעט אַרום די יודישע פאָלקס-נשמה, אָרים און עלענד, נאַקעט און הונגעריג.

צייט טויזענדער גלות־יאָהרען, אַז זי בענקט און זוכט, וויינט און טרויערט און שאַפט גאָר נישט, נישט פאַר זיך, נישט פאַר אַנדערע.

ריכטיגער געזאָגט: זי שאַפט יאָ אי פאַר זיך אי פאַר אַנדערע, זי שאַפט אָבער נישט דאָס, וואָס זי האָט געדאַרפט שאַפען, נישט דאָס וואָס זי האָט געקאָנט שאַפען, זייענדיג פריי....

די „נבואה" — דאָס איז דאָך דאָס טיעפסטע און דאָס אינער־ליכסטע פון דער יודישער פאָלקס־נשמה און אַ קליינע צייט נאָכ'ן חורבן בית ראשון האָט זיך ביי יודען די נבואה אָבגעטהון.

און די יודישע נשמה זוכט און בענקט און שאַפט הלכה, אגדה, חקירה, קבלה, חסידות, די ניי־יודישע ליטעראַטור; זי געהט אַוועק צו לייטען און שאַפט דאָרטען אויף אַלע געביטען פון פילאָ־סאָפיע, וויסענשאַפט און קונסט: זי געפינט אָבער נישט דאָס איהריגע.

און טויזענדער יאָהרען, אַז זי וואַנדערט אַזוי אַרום און קאָן נישט געפינען אָט יענע מעכטיגע ווערטער, וואָס זאָלען צווינגען לייטען שענער און בעסער ווערען — זי קאָן די נבואה נישט געפינען.

די לעצטע צייט פרובט זי עס קינסטלעריש געפינען (ביאַליק'ס „דבר" און אַנדערע). וועה עס פיהלט אָבער און בעגרייפט די אַלטע נבואה, די אמת'ע יודישע נבואה, דער פערשטעהט, אַז קינסטלער זענען נישט קיין נביאים, אַז די נייע יודישע קונסט האָט נאָך דער וועלט קיין נייעם וואָרט נישט געזאָגט און קאָן נישט זאָגען, אַז בכדי די יודישע נשמה זאָל קאָנען דאָס איהרם שאַפען דאַרף זי אַנאַנדער גוף האָבען, אַ שטאַרקען, אַ פרייען, אַ ריינעם, אַ געזונדטען, זי מוז ערה האָבען.

ברידער! ערבאַרעמט זיך אויף אייער פאָלקס־נשמה!...

---

# ערנסטע שמועסען. *)

### I.

איהר זאָגט: וויינען איז אַ מדה מגונה.

איהר זאָגט: עס קלאָגען די מאַכטלאָזע, די אונגליקליכע, עס פרעהט מיך זעהר וואָס עס געפינען זיך ביי אונז דאָך העלדען, מוטהיגע קעמפפער, גרויסע נשמות.

בין איך אָבער אַ זינדיגער מענש: עס ווילט זיך מיר אַמאָל זעהן אייער גבורה, עס ווילט זיך מיר אַמאָל פיהלען אייער מאַכט.

שרייבט איהר, רעדט איהר — שמשון, השמונאים, נביאים, משיחים.

שרייבט איהר, רעדט איהר — אייזען, בלוט, לעבען, העלדענטהום, צערשטערונג, אויפלעבונג, שעפּפונג.

עס הילכט, עס קלינגט: אַ וואָרט נאָך אַ וואָרט אַ פראַזע נאָך אַ פראַזע, אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, אַלץ העכער און העכער.

איהר לופטערט דעם לעקסיקאָן. איהר נעהמט פון איהם אַרויס אַלע ווערטער וואָס האָבען עפּעס אַ שייכות צו מאַכט, צו גבורה. איהר מאַכט פון זיי פראַזען, איהר טומעלט, איהר שטורעמט. איהר באָמבאַרדירט מיט ווערטער.

וואָלט ער געווען, ווי איהר ז אָ ג ט, וואָלט אונזער לעבען גאָר

וואָלט עס געווען, ווי איהר זאָגט, וואָלט אונזער לעבען גאָר אַזאַ הורבן. עס האָט געדאַרפט זיין לויטער מאַכט. לויטער שטאָלץ.

וואָלט עס געווען ווי איהר זאָגט, האָט ווילנא, למשל, געדאַרפט זיין עפּעס, ווי אַ מין שפּאַרטאַ ביי די אַלטע גריכען....

---

*) מיינע „ערנסטע שמועסען" זענען געווען געווענדעט געגען פערשיעדענע פארטייען. פיעל שטעלען אין זיי טראגען א נ'א ל ג ע מ י י נ עם און ממילא אויך נישט קיין צייטוויילינען כאראקטער, און דעריבער גיעב איך דא עטליכע פראגמענטען פון זיי; איך האב מיך בעמיהט, ווי ווייט מ ע ג ל י ך א י ז, אויסצומיידען די ריין־פאלעמישע ערטער. ניט אלע מאל אבער איז עס מ ע ג ל י ך געווען...

איהר רעדט אַזוי פיעל פון מאַכט. וואו איז אַייער מאַכט? איהר האָט אַזוי פיעל פאַרטייען, וואָס טהוען אַייערע פאַרטייען? איהר רעדט אַזוי פיעל פונ׳ם „יודישען פראָלעטאַריאַט". וואו איז ער דער „יודישער פראָלעטאַריאַט"? וואָס טהוט ער? וואָס שאַפט ער? וואָס צעשטערט ער? וואָס בויט ער?

וואו איז ער, אָט דער נייער משיח אייערער? וואו איז ער, אָט דער וואָס האָט געדאַרפט זיך און דער מענשהייט אַ גאולה ברענגען?

וואו זעהט מען איהם? וואו הערט מען איהם? מען זעהט איהם נאָר בכתב, מען זעהט איהם נאָר אין די בראָשורען...

אין לעבען זעהט מען עטוואָס אַנדערש: עלענדע, שוואַכינקע, פער׳השכ׳טע, פערהונגערטע, פעריאָגטע יודען, אַלטע און יונגע, אַלטע וואָס לויפען אין די מנינים, יונגע וואָס שפּילען זיך אין „פאַרטייען"...

אַלטע און יונגע יודען, וואָס פון צרות און עלענד, בטלנות און פוסטקייט, הערען זיי נישט אויף זיך אַרומצוריַיסען צווישען זיך.

גאָט פון אַברהם! וואו איז דאָ די מאַכט? וואו איז דאָ די גבורה?

ווייזט מיר האָטש איין טהאַט אַייערען, ווייזט מיר האָטש איין נייעם געדאַנק.

איך שטעל נישט קיין גרויסע פאָדערונגען:

איין טהאַט, איין געדאַנק.

ווייזט מיר האָטש דעם קלענסטען מופת פון אַייער משיח, ווייזט מיר, וואָס טהוט ער דער „יודישער פראָלעטאַריאַט"? זאָגט מיר, וואָס דענקט ער?

זאָגט מיר, וואָס ווילען אָט די אַלע „פאָלקס־צייטונגען", „יודישע פעלקער", „פאָלקס שטימען", „יודישע ווירקליכקייטען', „נייע וועגען" און „ווערטער", „פראָלעטאַרישע געדאַנקען' און „פראָלעטאַרישע ווערטער"?

זאָגט מיר, וואָס גיבען אָט די אַלע „יודען", „פעלקער" און „פראָלעטאַריאַטען"?

וואָס גיעבען זיי דעם אמת׳ן יודישען פאָלק?

זאָגט מיר וואָס העלפען זיי? וואָס קאָנען זיי העלפען?

יאָ זיי קאָנען גאָרנישט העלפען. וואָס רעדען זיי אָבער תמיד אַזוי ברייט פון פערשיעדענע „אויפלעבונגען" „שעפּפונגען" און „גבורות"?

עס איז פארגעקומען די גרויסע שחיטה אין רומעניען.
מאכט זיך די „פאלקס־צייטונג" פון דעם א סתם רעוואלוציע און א מעשה מיט א גמר.

אי וואס ביני לביני איז פון רומעניער אידען א תל עולם געווארען? אי שהיטות, הריגות, קינדער רייסען, לעבעדיגע אידען אין פייער ווארפען און טאנצען דאבײ, — וואס געהט עס איהר אן? וואס ארט עס איהר?

בשעת עס איז פארגעקומען די גרויסע אקטאבער־שחיטה אין רוסלאנד האט די „פאלקס־צייטונג" שטענדיג ערקלערט אלץ מיט „קאנטער־רעוואלוציע". היינט קומט פאר די גרויסע שחיטה אין רומעניען האט די „פאלקס־צייטונג" ווייטער נאר איין ווארט „רעוואלוציע".

דאכט זיך, אז די חסידים פון „פאלקס־צייטונג" האבען אזוי געדארפט זאגען צו זייערע רביים: אויב בשעת קאנטער־רעוואלוציע הרג'עט מען א י ד ע ן (אלץ איינס: פראלעטאריער און נישט פראלעטאריער) און בשעת רעוואלוציע הרג'עט מען ווייטער א י ד ע ן (אלץ איינס: פראלעטאריער און נישט פראלעטאריער) — אויב די רעאקציאנערע עלעמענטען הרגענען א י ד ע ן, און די „פראגרעסיווע" עלעמענטען הרג'נען ווייטער אידען, אויב פון יעדער קלענסטע בעוועגונג וואס קומט וואו נישט וואו פאר, מוזען טייכען יודישעס בלוט געגאסען ווערען — מוז דאך א פנים זיין, אז דער מקור פון אלע יודישע צרות ליגט ערגעץ טיעפער טיעפער פון אלע רעוואלוציעס און קאנטער־רעוואלוציעס צוזאמען.

נאר געווענהליך זאגען די חסידים פון „פאלקס צייטונג" צו זייערע רביים גאר נישט. ווען נישט וואלטען זיי, די רביים דאך געמוזט עפעס אמאל טיעפער אריינדרינגען אין דער זאך, עטוואס ערנסטער בעטראכטען די יודישע לאגע, עטוואס ערנסטער פערהאלטען זיך צו טויזענדער קרבנות...

געווענהליך, פערהאלטען זיך די אנדערע יודישע צייטונגען צו דער יודען־שחיטה אין רומעניען עטוואס בעסער. מען פערגעסט אבער דאבײ אויך נישט די קליינלעך מיט די מנינים.

קיינער זאגט נישט ד א ס, וואס מען דארף זאגען און נישט ווי מען דארף זאגען.

מען רעדט וועגען דער יודען-שחיטה אזוי קאלט, אזוי טרוקען, ווי דא וואלט זיך עפעס האנדלען נישט וועגען איינענע ברידער, נישט וועגען יודיש בלוט.

וועגען אַנ'אות פון אַ פּראָגראַמע רעדען אונזערע צייטונגען מיט פיעל מעהר היטץ....

און דאַרפען דאַרף מען אַט וואָס זאָגען: כלו כל הקצין!

לאָזט אַלע פּלפּולים, לאָזט אַלע הלומות, קוקט אָפען אויף גאַנץ וועלט.

גרויס איז גאַנץ וועלט — איהר האָט אָבער אויף איהר קיין אָרט נישט.

שען איז גאַנץ זון — נישט פאַר אייך שיינט זי אָבער.

עס קומט דער פריהלינג, עס לעבט אויף גאַנץ ערד, — איהר האָט קיין פריהלינג נישט, איהר האָט קיין ערד נישט.

לאָזט אַלע פּלפּולים, לאָזט אַלע נאַרישקייטען, קוקט אָפען אויף גאַנץ וועלט —

גרויס איז גאַנץ וועלט — וואָס פאַר אַ חלק האָט איהר אין איהר?

אייער בלוט טרינקט אָן די ערד — די ערד גיט אָבער אייך קיין פרוכט נישט.

אייערע קרבנות זענען אומזיסטע, אייערע טרערען זענען אומזיסטע.

און שרייט איהר צו גאָט — הערט ער אייך נישט.

גאָט איז דער גאָט פון הימעל און ערד. איהר האָט אָבער קיין ערד נישט.

טויזענדער יאָהרען איז ביי אייך אין סדור אַ לאַנד געווען, היינט רעדט אַ טייל פון אייך וועגען אַ „טעריטאָריע".

צו ווייניג ערנסט איז אייער רעדען. טעריטאָריע איז ביי אייך אויך מעהר נישט ווי אַ וואָרט, אַ שפּיעל-וואָרט, אַ קריעג-וואָרט.

איהר וואַרט ביז וואַנען עמיצער זאָל אייך זי געבען. און דער-ווייל פערגעהמט איהר זיך מיט אַלע נאַרישקייטען...

ניין. אַזוי וועט איהר קיין לאַנד קיינמאָל נישט האָבען! אַזוי וועט איהר פון אייער גלות קיינמאָל נישט אויסגעלעזט הערען.

אַנדערע מוזט איהר ווערען. גאָר אַנדערש מוזט איהר אויף גאָט׳ס וועלט קוקען.

קודם כל דאַרפט איהר אַלע אייערע עבודות זרות לאָזען, איהר דאַרפט בעפרייט ווערען פון אַלע אייערע פּלפּולים, „פּאַרטייען" און קריגע.

דאַן וועט איהר דערזעהן די גאַנצע עלענדקייט אייערע, דאַן וועט איהר דערפיהלען דעם גאַנצען יודען־שמערץ.

און איין אונגעהויערער טרויער וועט אייך ערפילען, אַן׳אונגע־הויער בענקשאַפט נאָך ערד, נאָך איין אייגענעם לאַנד.

און איין געדאַנק וועט אין אייך לעבען טאָג און נאַכט, איין שטרעבונג, איין האָפנונג.

און אייער געדאַנק וועט טהאַטען זוכען, אמת׳ע טהאַטען —

און אייער פריהלינג וועט אויף וועט נישט ווען אָנקומען

און גאָט׳ס זון וועט פאַר אייך אויך אָנהויבען שיינען.

.II

וואָס פאַר א מין בריה איז דער יודישער „אינטעליגענט"? — אָט די פראַגע שטעל איך מיר שטענדיג און איך וואָלט וועלען הערען פון אייך אַ קלאָרע תשובה אויף איהר.

אום מען זאָל קיין טעות נישט האָבען אין מיינע רעד זאָג איך בפירוש, אַז איך מיין נישט דער אָפיציעלער אינטעליגענץ אונזערער: מכּח איהר איז גאָר נישטאָ וואָס צו רעדען...

איך מיין אָט די לייט, וואָס לויט דער מיינונג פון אונזער יוגענד, זענען זיי די אמת׳ע אינטעליגענטען.

איך מיין אָט די, וואָס גרינדען ביי אונז פּאַרטייען און זשורנאַ־לען, שרייבען בראָשיורען, אַגיטירען, דיסקוטירען, זענען שטענ־דיג פערשמעיה׳ט, פערטראָגען, קערען עולמות, פיהרען פּאָליטיק, זענען מפקיר זיך און אַנדערע, האַלטען זיך פאַר גואלים פונ׳ם „יודי־שען פּראָלעטאַריאַט", רעכנען, אַז דער וואָס " טראַכט נישט ווי זיי, איז אַחת דתו להמית.

און שטעל איך מיר אַמאָל פּראָסט די פראַגע: וואָס איז, אייגענטליך אָט דער מר בר רב אשי? וואָס וויל אייגענטליך דער נייער קאָפּ־לעפעל? וואָס איז ער דער יודישער „אינטעליגענט"? פון וואַנען נעהמט ער זיך? וואָס ברענגט ער מיט זיך?

און שטעל איך מיר אַמאָל פראָסט די פראַגע: וואָס איז אייגענטליך, דער יהוס מיט איהם? וואָס האָט ער אייגענטליך געטהון פאַר'ן „יודישען פראָלעטאַריאַט" און וואָס קען ער טהון?"

און שלעכטע, שלעכטע געדאַנקען קומען אַרויף אויפ'ן מוח: אפשר איז ער געדעכט, ער דער האַרטער מאַקס נאָרדאַו...

מאַקס נאָרדאַו האָט איהם, דעם יודען-אינטעליגענט מיט עט-ליכע יאָהר צוריק אָנגערופען: „דער בעטעל-סטודענט"...

דאַמאָלס איז ער, דער בעטעל-סטודענט, נאָך נישט געווען ענט-וויקעלט אינגאַנצען, היינט זעהען מיר איהם אין זיין פולען גלאַנץ.

דאַמאָלס האָט ער זיך מיט פּאָליטיק נאָך וועניג בעשעפטיגט, היינט איז ער דורכאויס פּאָליטיק...

דאַמאָלס איז ער נאָך געווען אַניאָפּרוהע, היינט לאָזט ער זיך גוט הערען.

היינט וויל ער זיין דער גאַנצער טאָן-געבער אין דער יודי-שער גאַס.

ער, דער גלגול פון ישיבה בחור, דער מענש אָהן ליעבע און אָהן רחמנות, אָהן קאָפּ און אָהן האַרץ, וויל זיין דער מנהיג הדור, דער איינציגער פאָרשטעהער פון יודען...

מוז מען דאָך איהם אַמאָל זאָגען: מיין פריינד! דו געהסט שוין צו וויט...

ווי בלינד עס זאָל נישט זיין דער המון, וועט ער דאָך ווען נישט ווען עפענען זיינע אויגען און וועט דאָך דערקענען ווער דו ביזט...

ווי שטומפּפּזיניג דער המון זאָל נישט זיין וועט ער דאָך אַמאָל ערקענען, אַז דער בעטעל-סטודענט קען קיין גבור נישט זיין!

---

איך ווייס גאַנץ גוט, אַז עס זענען דאַ צווישען אונזערע „אינ-טעליגענטען" מענשען מיט ריינע, שענע נשמות, איך מיין אָבער דעם טיפּוס אין אַלגעמיין.

און דער טיפּוס אין אַלגעמיין, מוז איך אייך דעם אמת זאָ-גען, איז גאָר נישט קיין מהודר'דיגער.

פיעל פון אונז שפּרינגען קדוש פאַר איהם, די גאַנצע יו-

דישע פרעסע איז פול מיט איהם, מען זינגט איהם שירות ותשבחות אין אלערליי פארמען, עס איז שוין אבער געקומען די צייט מען זאל איהם אביסעל ערנסטער בעטראכטען.

מען קען נאך איצט אויך נישט זאגען דעם גאנצען אמת: צו גרויס איז נאך זיין שליטה איבער דעם המון. מען קען זיך שוין אבער ערלויבען עטוואס קריטישער פערהאלטען צו איהם: דיכט זיך, אז וואו נישט וואו הויבט אן דער עולם צו זעהן און דענקען.

און אט פאר די וואס ווילען אמאל זעהן א זאך ווי זי איז ווילט זיך מיר ביסלעכוויז, ביסלעכוויז דערצעהלען און ענטדעקען ווער און וואס זענען דאס די גדולי הדור אונזערע, ווער און וואס זענען דאס אט די אלע פאליטיק־מאכער אונזערע, ווער און וואס זענען אט די וואס קומען צו אונז אלע ווײַלע מיט נײַע שיטות, מיט נײַע תורות און מיט נײַע פארטײַען.

איך וויז אן אויף דעם הויפט רעדעל־פירער פון דעם אלעם — אויף דעם יודישען „אינטעליגענט".

„און וואס איז דער יודישער אינטעליגענט אין זיין גרויסען גאנצען?

דאס איז א מענש וואס האט „עקסטערניטשייעט" אויף עטליכע קלאסען, האט זיי אויסגעהאלטען אדער נישט אויסגעהאלטען, האט זיך אומגעדרעהט אין פערשידענע קרייזלעך אין רוסלאנד און אין בערן אדער זשענעווע, האט איבערגעלייענט עטליכע צעהנדליג סאציאליסטישע אדער אנארכיסטישע בראשורען, האט איבערגעלייענט צו עטליכע בלעטלעך פון פערשידענע ביכלעך, האט געשלייפט דעם צינגעל אויף פערשידענע דיסקוסיעס און איז „אינטעליגענט" געווארען.

אט אזוי איז ער געווארען דער מאור הגולה אונזערער, אונזער האפנונג, אונזער קרוין...

עס האט איהם אייגענטליך גארנישט געארט, ער האט זיך אייגענטליך קיין שום פראגען נישט געשטעלט, ער האט גארנישט געזוכט און האט גארנישט געפונען, ער דארף גארנישט און וויל גארנישט, ער איז טרוקען ווי א לולב היבש.

טאמער האט ער עטוואס געהאט אין זיך, טאמער האט ער געהאט איינינע עלעמענטארע גוטע אייגענשאפטען, ווי צום ביישפיעל: ליבע צו עלטערען, צוגעבונדענקייט צו יודען, א. ז. וו. האט ער זיך שוין לאנג

„בעפרייט" פון זיי. צו וואס דארף ער טאקי אזעלכע „בורזשואזנע" איינגענשאפטען?...

און אט אזוי איז ער זיך געבליבען מיט זיינע עטליכע איבונגען פון סטאל, סטאלא, מיט זיינע עטליכע בראשיורען און מיט די פיעל רעד, וואס ער האט זיך אנגעהערט אין פערשידענע קרייזלעך און מיט דעם דיסקוסיאנס-צינגעל וואס ער האט זיך ערווארבען—

און אט מיט דעם גרויסען אוצר קומט ער דאס צו דער יודישער ארימער מאסע און ווערט איהר גואל צדק.

אט מיט דעם גרויסען אוצר קומט ער צו דער יודישער מאסע און פאדערט דורכאוים, אז מען זאל איהם פאלגען, איהם און הקא איהם.

איהר רעדט איהם וועגען ליעבע, וועגען ליידען, וועגען מענשליכקייט, וועגען פעראנטווארטליכקייט, — ער שיט אייך מיט ווערטער און פראזען.

געהט רעדט מיט איהם!

געהט רעדט מיט איהם, אז איהם פעהלען אלע עלעמענטארע ידיעות און, נאך פיעל ערגער, אלע עלעמענטארע מענשליכע געפיהלען.

------

איהר זאגט: עס איז א גוזמא! דער יודישער רעדעל-פיהרער איז גארנישט אזוי איבערפלעכליך, ער איז גארנישט אזוי קאלט און טרוקען.

פערלאנג איך פון אייך א קלייניגקייט: קוקט זיך צו גוט צו איהם, צו דעם יודישען „אינטעליגענט".

קוקט זיך צו מיט וואס פאר א לייכטקייט ער שפרינגט ארום פון איין פארטיי צו דער צווייטער, ווי גרינג עס קומט איהם אן צו בייטען זיינע אמונות און דעות, מיט וואס פאר א לייכטזיניגקייט ער רעדט וועגען דעם וואס מיט איניגע טעג צוריק איז ביי איהם געווען הייליג און גרויס.

עס בעטרעפט ביי איהם גארנישט זיין היינט ציוניסט, מארגען בונדיסט, איבערמארגען „איסקראוועץ" נאכהער — ס"ה, נאכהער — אנארכיסט א. ז. וו.

עס בעטרעפט ביי איהם גארנישט צו בעשמוצען און בעשפייען דאס, וואס גאר נעכטען האט ער ביז'ן הימעל געהויבען.

און עס פיהלט זיך נישט אין זיינע הערטער קיינע ליידען און קיין בענקשאפט און קיין טרויער –

און עס איז ביי איהם דער איבערגאנג פון איין פארטיי צו דער צווייטער אזוי ווי פון איין ביער-האלע צו דער צווייטער...

און וואס ארט עס איהם טאקי? נעכטען האט ער זיך געשפיעלט— אין ציוניזם, היינט אין בונדיזם, איבערמארגען אין סיים: א גרינגע וועלט, א פרעהליכע וועלט!

ווער קען נישט, אט די אלע „לויפער", וואס געהען אייך ארובער מהנות-ווייז פון פארטיי צו פארטיי, פון קלייזעל צו קלייזעל?...

און זאל מען אייך נישט איינשמועסען, אז דאס הייסט אמת זוכען, אז דאס הייסט אונרוה און ליידען.

א ליגען! נישט אזוי זוכט מען אמת און נישט דאס הייסט אונרוה און ליידען.

די וואס זוכען טאקי באמת בייטען אויך אמאל זייערע מיינונגען. פארהאן זאגאר אזוינע וואס זענען גענייגט אפטער צו בייטען די אדער יענע מיינונג, אלענפאלס נישט אזוי לייכט קומט עס אן, נישט אזוי גיך ווארפט מען עס געטער און מען מאכט זיך נייע.

ביי שטארקע און ערנסטע מענשען איז דער פראצעס פון אומענ-דערונג און אומבייטונג פערבונדען מיט שרעקליכע גייסטיגע שמער-צען, מיט נישט שלאפען נעכט, מיט לאנגע, לאנגע יאהרען פון איבערקלערען און איבערטראכטען, פון אלערליי צווייפלען און שטע-רונגען.

נאכהער ווען דער אלטער גאט געהט פון שטוהל אראב הויבען זיך ערשט אן די אונטערטרעגליכע שמערצען פון זוכען דעם נייעם גאט, דאס נייע הייליגטהום.

און עס איז אין דעם זוכען פיעל שרעק און האפנונג פערהאן, פיעל טרויער אויף דאס פערלארענע קדושה, פיעל בענקשאפט נאך דעם אונבעוואוסטען גאט...

דער יודישער „אינטעליגענט" אבער פליהט ארום ווי א שמעט-טערלינג. אט איז ער דא, אט איז ער דארטען. אט שיט ער אייך מיט פראזען וועגען ציון, אט דערצעהלט ער אייך גדולות ונפלאות

װעגען סיִם, אָט װערט ער אײך גאָר אַנ'ס'ר און װערט אײך אַ שרעקליכער מאמין אין רוסישען פּױער, און אַלץ — גלאַט אַזױ...

עס איז איהם אַלץ אײנס. ער דאַרף נאָר עפּעס אַ יאָליק האָבען. האָט ער איהם—שפּילט ער זיך מיט איהם ביז װאַנען ער קריעגט זיך איין אַנדערען.

איהם אַרט גאָרנישט װײל ער איז גאָרנישט. ער האָט נישט קײן שטאַרקע לײדענשאַפטען, ער האָט נישט קײן שטאַרקע אינ־סטינקטען, ער האָט נישט קײן פעסטען דענקען, ער האָט נישט קײן גלױבען —

ער האָט נישט קײן גלױבען און האָט נישט װאָס צו פערלירען—

ער איז שװאַך און קלײן, שטומפּפּזיניג אין בעגרענעצט —

און ער זאָל דאָס דער גואל זײן? ער זאָל די יודישע מאַסע פיהרען?

------

װאו נישט װאו זעה איך די ערשײנונג פון אַ נײַעם יודישען אינטעליגענט, װאָס דאַרף זײן פיעל טיעפער און שטאַרקער פאַר דעם אױבענדערמאָנטען.

עס ערשײנט װאו נישט װאו דער טראַגישער יודישער אינ־טעליגענט. איך װײס נישט אױף װיפיעל ער איז שטאַרק און מעכטיג, אַלענפאַלס װעט ער זיך שױן נישט שפּיעלען מיט אידעען, און פּאַרטײען.

— דורכגעדרונגען מיט יודען־שמערץ, מוז ער ערנסט זײן — גלױבט ער אָדער ער גלױבט נישט, אַלענפאַלס איז ער יוד און מענש —

איך זעה איהם װאו נישט װאו און איך װיל איהם מײן גאַנצע ליעבע שענקען.

אפשר נאָר איך מיך. אפשר איז ער נאָך נישט געבױרען.

איז ער נישטאָ דאַרף ער זײן. ער מוז געבױרען װערען.

עס מוז קומען דער מענש פון ליעבע און רחמנות, דענקען און פיהלען.

עס מוז קומען דער ערנסטער, טיעפער און שטאַרקער יוד.

עס מוז אַראָב פון סצענע דער גלגול פונ׳ם ישיבה בחור און פונ׳ם בעטעל־סטודענט.
עס דאַרף קומען דער נ יַ ע ר יוד.

III

פערשידענע גלגולים פון ליבוש הקרן.

אינ׳ם ערשטען גלגול בשעת פרישמאַן האָט איהם בעקאָנט געמאַכט מיט אונז איז ער אומגעגאַנגען אין אַ לאַנגע קאַפּאָטע. די היטעל אָן אַ זייט, דעם קאָפּ פערדריסען, געצעהלט די שטערען, גע־קנויטשט די ספרים, האָט געשריבען, געשריבען און געשריבען. גרויסע דיקע ספרים האָט ער געשריבען, מיט אַ משוגנה׳דיג ווילדען לשון. וואָס האָט ער געוואָלט? וואָס האָט ער גערעדט? — ער האָט אַליין נישט געוואוסט וואָס ער רעדט.

קופּערניקוס׳ן איז ער געווען אַ שונא אין לעבען. וואָס האָט ער איינגענטליך צו קופּערניקוס׳ן געהאַט? — פרעגט איהם בחרם, איהם האָט זיך נישט געוואָלט, אַז די ערד זאָל זיך דרעהען אַרום דער זון און אַ ראיה האָט ער געהאַט פון „איזורים" און פון קו המשוה" און פון אַ היטעל, אַז מען וואַרפט איהם אַראָב פון קאָפּ. ער האָט נעבעך אַליין נישט געוואוסט איין וואָרט פון דעם וואָס ער שרייבט און האָט געגלויבט באמונה שלמה, אַז ער האָט פון קו־פּערניקוס׳ן אַש און רויך געמאַכט.

די יאָהרען האָבען זיך געביטען. ליבוש הקרן האָט זיך אויך געביטען. ער טראָגט שוין אַ קורצען ראָק, אַמאָל אַ בלוזע העמדע אויך. ער צעהלט שוין נישט די שטערען. ער איז בעשעפטיגט מיט „עקאָנאָמיקע". ער הקרנ׳ט און הקרנ׳ט. שרייבט אָן גרויסע גראָבע העפטען וועגען דעם צו מען מעג מצרף זיין אַ פריקאַזטשיק צו אַ שטרייק און אידר וועט אין קיין אופן נישט פערשטעהן איין וואָרט פון דעם וואָס ער שרייבט. גאַנץ איינפאַך: ער ווייסט אַליין נישט וואָס ער שרייבט.

אַי וואָס שרייבט ער? צוליעב וואָס שרייבט ער? וואָס וויל ער? וואָס פעהלט איהם — גאָרנישט. ער הק ר נ׳ט...

אויף אָט דעם פּאַרשוין, ליבוש הקרן אינ׳ם צווייטען גלגול, האָט אַמאָל ש. ראָזענפעלד אין „פריינד" אָנגעוויזען.

איצט מוז מען אָבער בעמערקען, אַז ליבוש הקרן געפינט זיך אינ'ם דריטען גלגול.

נאָר בכדי צו ערקענען איהם ווי ער זעהט אוים אינ'ם דריטען גלגול מוז מען בעסער שילדערן דעם צווייטען גלגול: ראָזענפעלד האָט איהם נאָר אָנגעוויזען, ער האָט איהם אָבער נישט געמאָהלט.

נישט דאָ איז דאָס אָרט צו מאָלען בילדער. יבא יומו. עס וועט אפשר קומען אַמאָל אַ צייט פאַר דעם אויך...

דערווייל מוז מען אויך אָנצייכענען די גרונדליניען. אָהן דעם איז שווער צו דערקענען איהם.

ובכן מוז מען אַביסעל אָנהויבען פון בראשית. מען מוז זיין יחוס דערמאַנען. ליבוש הקרן איז נישט קיין קליינינקייט.

פרישמאַן האָט איהם אייגענטליך געפאַקט בשעת ער, ליבוש הקרן, האָט זיך שוין מיט קופּערניקוס'ן געקריגט. באמת האָט ער פיעל פריהערדיגע גלגולים געהאַט.

פאַר דעם האָט ער גרויסע דיקע ספרים געשריבען וועגען דעם צי זענען דאָ שדים אויף דער וועלט צי נישט, נאָך פריהער — צי זענען די שדים רוחות אָדער גופים, נאָך פריהער — וועגען דעם גשם החמישי; נאָך פריהער וועגען נפש הוליאַנית און אָתון בלעם.

און נאָך פריהער...

און נאָך פריהער...

ער בייט זיך מיט דער צייט. ער בייט זיינע לבושים אין גרונד בלייבט ער אימער דערזעלבער.

דער עיקר איז: ער האָט קיינמאָל נישט געוואוסט, וואָס ער רעדט און וואָס ער שרייבט, האָטש ער האָט אַזוי פיעל גערעדט און געשריבען. ער האָט אין גרונד קיין שום שייכות נישט געהאַט צו דעם וואָס ער האָט געשריבען און דאָך איז ער געווען אַריינגע־טהון אין דעם מיט לייב און זעלע אַזוי ווי עס וואָלט איהם טאַקי אין לעבען געגאַנגען צו דערגעהן, צי האָבען די שדים גופים צי נישט...

אַזוי האָט אונזער הקרן געלעבט. האָט זיך געהאַמפּערט מיט'ן רמב"ם, מיט'ן רלב"ג, מיט קופּערניקוסן ביז וואַנען די נייע צייט האָט איהם, ליבוש הקרן, אויך פערהאַפּט. —

האָט ער אָנגעהויבען מעיין זיין אין דאָבראָליובאָוו, פּיסאַרעוו, מיהאַילאָווסקי. דאָ פלעגט אונזער העלד אין פערלעגענהייט קומען. אָט די אַלע ערלים האָבען צו אַלע רוחות זעהר געזונדטע קעפּ און

פלעגען איהם, דעם הקרן אונזערן, אויפווייזען די דום, אונוויסענד און פוסט ער איז...

האָט זיך פיעל מאָל געטראָפען, אַז פון דער קאָמעדיע איז אַ טראַגעדיע געוואָרען. דער הקרן האָט זיך אַרומגעקוקט וואו ער איז אין דער וועלט און האָט אָנגעהויבען ערנסט דענקען און ערנסט לערנען...

יסורי מיתה האָט ער געהאַט. ער האָט זיך געמוזט אינגאַנצען אומענדערען. עס האָט פון פריהערדיגען פוסטען הקרן גאָרנישט געבליבען...

דאָס האָבען אָבער יחידי סגולה דורכגעמאַכט: מענשען פיעל מעהר ערנסטע.

די איבעריגע הקרנים האָבען זיך נאָר געפייניגט. בשום אופן האָבען זיי נישט געקענט געוואוינט ווערען צו דער שטאַרקער, שניי־דענדער לאָגיק און צום ערנסטען דענקען —

האָבען זיי זיך אַזוי פיעל געפייניגט ביז דער „שכל הפועל" האָט זיך אויף זיי מרחם געווען און האָט זיי אָנגעוויזען אויפ'ן מאַרק־סיזם...

און דאָ האָט זיך אַ נס געטראָפען, גראַדע האָבען זיי געלעבט אין אַזאַ לאַנד און אין אַזאַ צייט וואו דער מאַרקסיזם האָט משונה־דיגע קליידער אָנגעטהון און איז געווען כמעט ווי צוגעפאַסט צו ליבוש הקרן עט קאָמפּ.

עס האָט זיך אַזוי געטראָפען. אַ שטאַרקע נייגונג צו פלפול און ווילדע הקירות איז דאָ ביי די רוסישע שריפטשטעלער אויף מקדמת דנאָ. ווי איינער אַ געוויסער שריפטשטעלער האָט אויפגעוויזען אין „פּאָליאַרנאַיאַ זוויעזדאַ" האָבען עס אַלע רוסישע שריפטשטעלער בירושה נאָך פון די ראַסקאָלניקעס...

די גרויסע און שטאַרקע קעפ ווינדען דאָס איבער. די קלענערע און שוואַכערע קענען זיך קיינמאָל נישט בעפרייען פון דער נייגונג אונענדליך צו האַמפערען זיך איבער גאָרנישט.

און דאָ איז געווען די צייט אויך צוגעפאַסט צו דעם. דער מאַרק־סיזם אין רוסלאַנד איז דאַמאָלס געווען נאָר אַ הלכתא למשיחא: אין לעבען האָט ער קיין שום מאַכט נישט געהאַט. וואָס האָבען די רוסישע מאַרקסיסטען געזאָלט טהון אויב נישט הקרנ'ן און פּשט'לען זיך?...

הײנט שטעלט אײך פאַר אַזאַ מיש־מאַש: דער מאַרקסיזם אָן און פאַר זיך וואָס קײנער קען איהם תם ושלום נישט חושד זײן אַז ער האָט אין זיך װעניג פּלפּול, פּלוס אַלע הוספות, וואָס פערשידענע דײטשע פּיליסטערס האָבען צו איהם צוגעגעבען, פּלוס דעם ספּעציעל דוסיש־ראַסקאָלינשען פּלפּול, און דאָס אַלץ אין דעם מה פון ליבוש הקרן...

פערשטעהט זיך אַז אונזער הקרן איז װיעדער אויפ'ן פּערד. ער לעבט אַ טאָג. ער שלינגט טאָג ווי נאַכט אַרטיקלען פון די „נאַראָדניקעס" געגען די מאַרקסיסטען און פון די מאַרקסיסטען געגען די „נאַראָדניקעס" און פון די מאַרקסיסטען זעלבסט, וואָס רײסען זיך צווישען זיך. ער איז אויסער זיך פון נחת. ער באָדט זיך און שווימט אין הקירה.

און דאָ נעהמט ער זיך מיט זײן פערדרעהטען און פערדונקעלטען קאָפּ אָט צו די אַלע פערפּלאָנטערטע ענינים און שרײבט װעגען דעם אַלעמען מיט זײן ספּעציפישען ליבוש־הקרן לשון—

פערשטעהט זיך אַז איהם איז דאַמאָלס נאָך קײנמאָל נישט אײנגעפאַלען פּסקנ'ן אָט פון די ווילדע הקירות הלכה למעשה...

געװען איז ער דום און ווילד. ער האָט אָבער געהאַט אײניגע גוטע מדות אויך אין זיך. עס איז אין איהם געװען אַ געװיסע אצילות, אַ געװיסע גײסטליכקײט, אַ געװיסע שענהײט.

ער איז געװען גענוג ערליך אום צו ערקענען, אַז די אַלע הקירות זײנען גיבען איהם נאָך קײן רעכט נישט צו זײן אַ פּוסק...

עס האָבען זיך בײ יודען אָקער אָנגעהויבען פּאַרטײען גרינדען, די פּאַרטײען האָבען געדאַרפט פאָרשטעהער, די פאָרשטעהער, אום צו שטאַרקען די פּאַרטײען, האָבען געדאַרפט טעאָרעטיקער האָבען.

וואו זשע נעהמט מען זײ? וואו נעהמט מען קלוגע, ערנסטע און טיעפע לײט? פּאַרטײען זענען אַזוי פיעל און אמת־דענקער זענען אַזוי װעניג. אָט דאָ איז ליבוש הקרן אין דער מאָדע אַרײן.

ער איז שוין נישט נאָר בלויז אַ הקרן. ער פּסקנ'ט שוין הלכה למעשה.

איהר װילט אויסדרינגען, אַז יודען דאַרפען האָבען נאָר פּאַ־לעסטינאַ און גישט קײן אַנדער לאַנד? — בעט איהם וועט ער אײך אויפשרײבען אַנ'אַרטיקעל לאַנג ווי דער גלות, אין װעלכען ער וועט אײך אויפװײזען בעשײנפּערליך, אַז על פּי המאַרקסיזם וועט דער

יודישער פראלעטאריאט פראלעטאריזירען זיך נאר אין פאלעסטינא...

איהר ווילט אויסדרינגען, אז יודען בכדי א טעריטאריע צו ערווערבען דארפען זיי מיט טעריטאריאליזם גארנישט בעשעפטיגען זיך, נאר זיי דארפען זיצען און ווארטען אויף א יודישען סיים אין רוסלאנד? — בעט איהם וועט ער עס גלייך טהון. פאפיר האט ער, טינט האט ער, דעם „רוסקאיע באגאטסטווא" האט ער געלייענט, אין זיין „וואזראזשדעניע" איז ער קלאר אויסעוועניג, זיין הקרן-לשון האט ער אויך. וואס דארף ער נאך?

איהר ווילט אויסדרינגען אז מען דארף זיין נישט נאציאנאל און נישט אסימילאטאריש, נישט פליישיג און נישט מילכיג נישט טראכטען וועגען א זעלבסטשטענדיגען יודישען לעבען און נישט וועגען אריין אין אלגעמיינעם לעבען, אז מען דארף אונבעדינגט האבען נאר א קולטור-נאציאנאלע-אויטאנאמיע וועגען וועלכער מען דארף נאר צווישען זיך אמאל הרפנ'ן און מען טאר פאר א גוי א ווארט נישט רעדען וועגען איהר? ! בעט איהם וועט ער עס גלייך טהון. ליבוש הקרן איז א געשיקטער יונג. ער דארף נאר עטליכע צעהנדליג בויגען פאפיער פטר'ן — און פערטיג.

איהר פלעגט לייענען די מורא'דיגע, משונה'דיגע ארטיקלען פון די בארוכאווס, אברהימ'ס אין „יעוו. זשיזן", איהר לייענט איינגע ארטיקלען אין „פראלעטארישען געדאנק" און אין „פאלקס-שטימע", איהר לייענט און וואונדערט זיך: ווי קענען עס מענשען שרייבען אזוינס? פערשטעהען זיי דען זעלבסט איין ווארט פון דעם וואס זיי שרייבען? — וואונדערט זיך נישט. דאס איז פאר אייך דער אלטער ליבוש הקרן.

דאס איז זיין לשון, זיין ארט טראכטען, עס שוועבט זיין גייסט.

ער איז נאר נתעלה געווארען. אמאל איז ער געווען הקרן, היינט— טעארעטיקער...

## IV

איך וויל מיר היינט שמועסען איבער א קליין מעשה'לע וואס האט זיך פאסירט מיט דרייסיג יאהר צוריק.

די מעשה'לע וועגען וועלכער איך וויל איצט רעדען איז אייגענטליך זעהר א געוועהנליכע, מען דארף עס גארנישט ווייט זו-

כען, עס טרעפט זיך, ווי עס רעדט זיך, אַלע מאָנטאַג און דאָנערשטאָג...

וויל איך אָבער אויף דעם גופא אויפמערקזאַם מאַכען. איז דען דאָס אַ פאָלק ביי וועלכען אַזעלכע זאַכען זענען גאָר מעשים בכל יום? זענען דאָס קינדער פון אַ פאָלק וועלכע קענען גאַנץ אָפט אַזעלכע זאַכען טהון?

אַ קליין מעשה׳לע, אַ געוועהנליך מעשה׳לע. אַ יודיש מעדעל, מיט אַ גרויסער און טיעפער נשמה, אַ מעדעל וועלכע נעהמט איין אַנטהייל אין די העלדען־טהאַטען פון די נאַראָדאָוואָלצעס און געהט אַלע ווילע אויף מסירת נפש, לאָזט דרוקען אין אַ געהיימער טיפּאָגראַפיע, וואָס איז געווען אין איהר רשות, פּראָקלאַמאַציעס וועגען דעם אַז די „זשידעס" זענען עקספּלאָאַטאַטאָרעס און די פּאָגראָמען וואָס זענען דאַן פאָרגעקומען זענען אַרויסגערופען געוואָרען דורך דעם פאָלקס־צאָרן געגען די „זשידעס"...

איך רעד דאָ נישט וועגען דער העצעריי פון די נאַראָדאָוואָלצעס צו מאַכען יודישע פּאָגראָמען, ווייל ביי מיר איז נאָך נישט קלאָר גענוג אויף וויפיעל יודישע אינטעליגענטען האָבען אין דיזען אַקט אַיין אַנטהייל גענומען.

איך בענוגען זיך דעריבער מיט דער קליינער, געוועהנליכער מעשה, וועלכע עס דערצעהלט איינער פון די געוועזענע נאַראָדאָוואָלצעס*).

די מעשה איז אַזוי געווען: ער, שעבאַלין, האָט געדאַרפט נעהמען אין זיין רשות אַ געהיימע טיפּאָגראַפיע פון די נאַראָדאָוואָלצעס און אום צו בעזייטיגען יעדען השד האָט ער געמוזט אַ גרויסע דירה דינגען און האָט געמוזט וואָהנען מעשה בעל הבית... בכדי אַלץ זאָל אין אָרדנונג זיין האָט מען איהם געמוזט אַ „ווייב" געבען. דאָס „ווייב" איז געווען אַ יודיש מיידעל, וועלכע האָט אַן אַנטהייל גענומען אין דער אַרבייט גלייך מיט איהם. דאָס מיידעל האָט זיך געשמד׳ט בכדי אַז דער פּיקטיווער שידוך זאָל קענען פאָרקומען. נאָך דער „התונה" האָבען זיי צוזאַמען געוואָהנט, צוזאַמען געאַרבייט אין טיפּאָגראַפיע.

דער פּראָוואָקאַטאָר דעגאַיעוו, וועלכען מען האָט דאַן נאָך גערעכענט פאַר זעהר איין איבערגעגעבענעם נאַראָדאָוואָלעץ, איז ביי זיי, ביי שעבאַלין מיט זיין „ווייב", געווען אַ שטענדיגער יוצא ונכנס, ער פלעגט העלפען דרוקען, פלעגט פערשיעדענע עצות געבען,

*) זשורנאל „Былое" פאַרין חודש יאַנואַר 1907.

פלעגט זיך אין אלץ מישען.

איינמאל איז דעגאייעוו געקומען און האט געהייסען דרוקען א פראקלאמאציע וועגען די יודישע פאגראמען וואס זענען דאן פארגעקומען. אין דער פראקלאמאציע ווערט ערקלערט אז אלע „זשידעס" זענען עקספלאטאטארעס, בלוט-זויגערס, פאלקס-פיינד און מען דארף זיי עוקר מן השרש זיין...

ווערליג, ווי ער, שעבאלין, דערצעהלט, איז איהם מיט זיין ווייב געווען היפדיג די מעשה. זיי האבען געפרובט פראטעסטירען, זיי האבען מקצר געווען די פראקלאמאציע, זיי האבען געלאזט א קליין צאהל עקזעמפלארען דרוקען, דאך האבען זיי זי געדרוקט!...

דאביי איז זעהר הארא‍קטעריסטיש דער טאן מיט וועלכען ה' שעבאלין דערצעהלט דאס אלץ. בשעת ער רעדט וועגען דאס שמדן זיך דערצעהלט ער נאר אז עס איז געווען אביסעל אונאנגענעהמליכקייטען מיט'ן „פאפ". אבער וועגען גייסטיגע ליידען — דאס פאלט איהם גארנישט איין, עס האנדעלט זיך, ווי אום דעם, אז מען געהט א פאר נייע שטיוועל אנטהון...

און דערצעהלט ער וועגען דער פראקלאמאציע פערגעסט ער נאר אינגאנצען אז זיין „חייב" איז א יודיש קינד געווען און אז עס ליעגט עטוואס אונגעהויער שרעקליכעס אין דעם, א יודיש קינד זאל דרוקען פראקלאמאציעס וואס רופען צו יודען-שחיטה...

ער דערצעהלט אפילו יא אז ביי זיי איז שטארק חשודיג געווען די מעשה, אבער דער חשד האט זיך גענומען דערפון וואס זיי האבען מורא געהאט פאר עפעס א פראוואקאציע...

וועגען דעם וואס דא געהט אום א יודיש מעדעל און דארף רופען מען זאל קוילען איהרע ברידער — איז קיין רייד נישטא...

פערשטעהט זיך, אז איך האב צו ה' שעבאלין קיין טענות נישט. איך קען נישט פאדערען פונ'ם ה' שעבאלינע, ער זאל זיך פערהאלטען טיעפער און ערנסטער צו יודען פון אלע רוסישע אינטעליגענטען...

איך האב צו איהם אויך, זעלבסטפערשטענדליך, קיין טענות נישט דערפאר, וואס ער דערצעהלט גארנישט פון די גייסטיגע ליידען פון זיין העלדין. ער איז אין דעם נישט שולדיג. ער דערצעהלט דאס, וואס ער האט געזעהען...

ווען ער האלט בעמערקען עפעס א טראגעדיע וואלט ער די

אונז דערצעהלט. וואָס איז ער שולדיג אין דעם וואָס ביי אַ יודיש מעדעל זענען נישטאָ קיין פאָלק און קיין ברידער...

נאָך מעהר: איך מיין גאָרנישט צו בעשולדיגען אפילו דאָס מעדעל, זי איז נישט די ערשטע און זי איז נישט די לעצטע. אַזוי ווערען אונזערע ברידער און שוועסטער אויפגעהאָדעוועט און אַזוי זענען זיי.

אַ פאָלק וואָס האָט קיין לאַנד נישט, אַ פאָלק אַ בעטלער, אַ פאָלק „אַנאָרים בהזר צווישען אַלע פעלקער" קען זיך נישט עהרען — און עהרט מען זיך זעלבסט נישט עהרט דער צווייטער אויך נישט —

און בעמערקט מען אומעטום פעראַכטונג הויבט מען אַליין אָן נאָך מעהר פעראַכטען זיך —

און בעראַכטעט מען זיך אַזוי שטאַרק האַלט מען אין איין בוקען זיך און קניען פאַר'ן צווייטען —

אין בעמערקט דער צווייטער, אַז מען קניהט זיך פאַר איהם אַזוי פיעל מיינט ער אין אמת'ן, אַז ער האָט דאָס רעכט צו טרעטען אויף דיר און „ביזטו אַ וואָרים טרעט מען אויף דיר"!...

דאָס וואָס אָט די מעשה איז אין אונזער לעבען נישט קיין יוצא מן הכלל — ווייסען מיר אַלע גאַנץ גוט.

אפילו אָט די, וואָס האַמפּערען זיך און קריגען אויף דעם, ווייסען אַליין גאַנץ גוט, אַז אַזעלכע מעשים קומען זעהר אָפט פאָר אין אונזער לעבען.

נישט אַלע מאָל קומט עס פאָר געוועהנליך-גראָדע אין אַזאַ בולט'ער פאָרם: אָפטמאָל איז עס פערשטעלט, פערדעקט, פער-מאַסקירט — דער תוכן איז אָבער אימער דער זעלביגער.

יודען זענען גאָרנישט, זייער בלוט איז הפקר, ווען נישט ווען האָבען זיי אַ שטיקעל זכות דורך דעם „פּראָלעטאַריאַט" זייערען. אויסער דעם איז גאָרנישט כדאי צו רעדען וועגען יודען-פּאָגראָמען...

אויב עס וועט ווען נישט איז ביי אונז אויפשטעהן אַ מענש, וועלכער וועט האָבען גענוג טאַלאַנט, עהרליכקייט און ליעבע צו שילדערן די יודען-פּאָגראָמען ווי זיי זענען באמת פאָרגעקומען און ווי עס האָבען זיך פערהאַלטען צו זיי אַלע יודישע אינטעליגענטען און פאַרטייען וועט ער מוזען דערצעהלען זעהר זעהר פיעל, אַזעלכע מעשה'לעך ווי די וואָס איך האָב אויף איהר אָנגעוויזען...

מיר געדענקען נאָך אַלע זעהר גוט ווי די פערשיעדענסטע יודישע אינטעליגענטען, אָנהויבענדיג פון די בעוואוסטע „רעדער־שמי־רער" און ענדיגענדיג מיט כלומרשט מעהר יודיש געשטימטע יונגע לייט, האָבען זיך פערהאַלטען צו די אָקטאָבער־פּאָגראָמען...

עס האָט זיך נישט געהערט אפילו איין א מ ת'ר געשריי, עס האָט זיך נישט געזעהן אפילו איין א מ ת'ע טרעהר. וואו מען איז געשטאַנען און געגאַנגען האָט מען נאָר געהערט הקירות וועגען פּאַרטיי טאַק־טיקעס און וועגען דער „קאָנטר־רעוואָלוציע".

און וואָס עפּעס גראַדע צו די אָקטאָבער־פּאָגראָמען? — אַזאַ פערהעלטניס איז די איין און זעלבע אין אַ ל ע ציישען און אַלע ערטער.

אין מיינע פריהערדיגע שמועסען איז מיר אויסגעקומען צו רעדען וועגען דער גלייכגילטיגקייט פון די יודישע פּאַרטייען צו דער יודען־שחיטה וואָס איז דאַן פּאָרגעקומען אין רומעניען. איך דערמאַן עס איצט נאָכאַמאָל, נישט בכדי צו קריטיקירען, שטראָפען און אויס־קלערען, נאָר פשוט בכדי זיך קלאָר צו מאַכען, וואָס זענען מיר עפּעס אַזוינס, וואָס טהוען מיר עפּעס אויף דער וועלט און וואָס טהוט זיך דאָס מיט אונז.

איך האַלט עס פאַר זעהר און זעהר נוצליך, אַז דער יודישער אינטעליגענט זאָל זיך סוף כל סוף אין שפּיגעל זעהן...

---

איך קעהר זיך ווייטער אום צו מיין קליין מעשה'לע, ווייל איך פיהל, איך פיהל, אַז איהר קוקט אויף אַזעלכע זאַכען, צו פילאָזאָפיש, צו רוהיג...

איהר זאָגט אַזוי: דאָס זענען געוועהנליכע פּאַרטיי־זאַכען. קיין פּאַרטיי קען דערפון נישט פריי זיין. אויף דערויף איז פּאַרטיי־דיס־ציפּלין.

אַזאַ מעדעל, קוים איז זי געוועזען אַ קעמפּפערין, האָט זי זיך גע־פונען אונטער דער אָנפיהרונג פון די נאַראָדאָוואָלצעס, האָט זי געמוזט טהון אַלץ, וואָס דער קאָמיטעט זייערער האָט געהייסען... טהון אַלץ וואָס דער קאָמיטעט זייערער האָט געהייסען...

דעגייעוו האָט זיי גענאַרט, דעגייעוו האָט געזאַגט, אַז דער

קאָמיטעט האָט בעפעהלען, מען זאָל עס אונבעדינגט דרוקען. זי האָט קיין אנדער ברירה נישט געהאַט. זי האָט עס געמוזט טהון.

איך וועל אייך אָבער נאָך מעהר זאָגען. נאָך מיין איבערצייגונג נאָך האָט דעגייעוו דאָס מאָל (ווי נאָך פיעל מאָל) נישט גענאַרט. נאָך מיין מיינונג נאָך איז געווען אָט די דערמאָנטע פּראָקלאַמאַציע ט אַ ק י פון נאַראָדאָוואָלצישען קאָמיטעט...

און פונדעסטוועגען האָט אַלץ דאָס יודישע מעדעל, ווען אין איהר וואָלט זיין האָטש איין פונק ליעבע צו איהרע אונגליקליכע ברידער, נישט געדאַרפט לאָזען ביי זיך אַזא פּראָקלאַמאַציע דרוקען, ווען איהר וואָלט אפילו אויסקומען נישט נאָר פון פּאַרטיי אַרויס, נאָר אויך גרוי־זאַם בעשטראָפט צו ווערען פון איהר...

בכדי איהר זאָלט מיך בעסער פערשטעהן וויל איך אייך אַ קליינעם משל געבען.

שטעלט אייך פאָר: דער פּראָוואָקאַטאָר דעגייעוו קומט צום ה' שעבאַלין און ברענגט איהם אַ פּראָקלאַמאַציע אין וועלכער מען רופט צו ראַבירען פויערן, וואָלט דער ה' שעבאַלין האָטש איין רגע געטראַכט „טאָמער דאַרף מען עס?“ וואָלט ער דען געקענט איין רגע פאָרשטעלען זיך אַז ער, דער פאָלקס־ליעבהאָבער, זאָל גיהן געגען פאָלק?

עס איז אין דערין קיין צווייפעל נישט: ער, שעבאַלין, וואָלט זיין לעבען אַוועקגעגעבען און וואָלט אַזעלכעס אין קיין אופן נישט דערלאָזען.

און דאָס וואָס דער רוסישער שעבאַלין וואָלט עס בנוגע צו זיינע ברידער נישט געקענט אפילו איין רגע פאָרשטעלען זיך דאָס האָט געקענט אַ יודיש מעדעל בנוגע צו איהרע ברידער נישט נאָר פאָרשטעלען זיך, נאָר אויך ט ה ו ן, טראַכטענדיג „טאָמער דאַרף מען עס“...

און מען דאַרף נישט פערגעסען, אַז דאָס האָט פּאַסירט נאָך די יודען־פּאָגראָמען, אין דער צייט ווען אַלע האָבען שוין געזעהען, אַז די פּאָגראָמשציקעס געהען נישט נאָר צו די רייכע יודען (די רייכע זענען היקא פיעל מאָל ניצל געוואָרען בזכות פון זייערע געלד) נאָר אויך צו די אָרימע און זאָגאר צו די אָרימסטע —

עס איז שוין אַלעמען דאַן קלאָר געווען, אַז נישט געגען שטאַרקע געהן די פּאָגראָמשציקעס נאָר געגען ש ל אַ פ ע, ווייל זיי זענען שלאַפע און שוצלאָזע...

און אין אַזאַ צײַט, אין אַ צײַט ווען דאָס בלוט פֿון יודען האָט זיך אין די גאַסען געגאָסען און צעהנדליגער טויזענדער יודען צושלאָגענע און הונגעריגע האָבען זיך געוואַלגערט ערגעץ אין שטאָלען און שײַערס, אין אַזאַ צײַט האָט זיך בײַ אַ יודישער אידעאַליסטין געקענט די האַנד הויבען צו דרוקען (אָדער לאָזען דרוקען — דאָס איז אַלץ איינס) אַנ׳אויפֿרוף, וועלכער דאַרף אויפֿהעצען די פּויערן צו שלאָגען יודען...

עס קען זעהר זײַן אַז אין זיך האָט דאָס יודישע מעדעל פֿון דעם געליטען, עס קען זײַן, אַז אין זיך האָט זי אפשר געפֿיהלט, וואָס פֿאַר אַיין עולה זי טהוט —

זי האָט אָבער קײַן קרעפֿטען נישט געהאַט צו ווידערשטעהן און האָט זאָגאַר מורא געהאַט צו ווײַזען אַלס יודיש קינד, אפילו די קלענסטע אונצופֿריעדענהײַט.

דען אַזוי ווי איהרע זיידעס זענען געווען קנעכט בײַ׳ן פּריץ, אַזוי איז זי אַ קנעכט בײַ׳ם רוסישען אינטעליגענט —

דען זי האָט אַלע מאָל גערעכענט, אַז אַלס יודיש קינד טאָר מען נישט פֿיהלען, ווײַל דאָס שמעקט מיט רעאַקציע און מיט אַלע שלעכטע זאַכען —

דען זי איז אַלע מאָל געוואָהנט געווען צו זעהן אַז אַ יוד דאַרף זיך קניען און בייגען, אַז אַ יודען דאַרף מען שלאָגען און ער דאַרף אַ דאַנק זאָגען.

זי איז נישט בעסער און נישט ערגער פֿון אַלע יודישע אידעאַליסטין....

„ווער עס פֿיהלט זיך אומשולדיג זאָל אין איהר אַ שטיין וואַרפֿען"...

ווער פֿון אונז האָט אין זיך נישט אָט דעם חטא?

ווער פֿון אונז זינדיגט נישט מיט גלײַכגילטיגקײַט צו יודישע צרות?

אויב זי האָט מעהר געזינדיגט אין מיר וועניגער האָבען מיר דאָך בערשיעדענע נאַציאָנאַלע בעוועגונגען איבערגעלעבט.

און דאָך רופֿען בײַ אונז נישט אַרויס די יודישע צרות דאָס וואָס זיי האָבען געדאַרפֿט אַרויסרופֿען. מען קען נאָך אויף קײַן טהאַט נישט ווײַזען, אויף קײַן אײנציג װערק נישט ווײַזען.

מיר בלאָנדזשען נאָך אַלץ אַרום אָהן אַ לאַנד און זאָהן דער קלענסטער מאַכט.

## V.

איינינע פון אייך זאָגען איצט ודוי. דאָס איז אַ גוטער סימן.

פיעל ערנסט און ליידען פיהלט זיך אין אייערע ווערטער. עס ווילט זיך אָבער נאָך עטוואָס פיהלען אין זיי.

נעמליך: מעהר מאַכט, מעהר פרייהייט.

אונגעהויער שרעקליך איז די ווירקליכקייט און איהר האָט געני מוט צו זעהן זי, ווי זי איז.

איהר פערמאַכט נישט די אויגען, איהר קוקט דעם שונא גלייך אין פנים אַריין.

און דער שונא אונזערער איז מעכטיג און שטאַרק ווי די וועלט.

בעסער געזאָגט: ער איז די וועלט זעלבסט.

אַלץ איז געגען אונז, אַלץ שטרעבט בעוואוסטזיניג אָדער נישט בעוואוסטזיניג, צו פערניכטען אונז.

און מיר זענען אַזוי שוואַך, אַזוי צוקלאַפּט, אַזוי צובראָ־כען און צוריסען.

אָ, ווי קאָן מען קעמפּפען געגען אַזאַ שונא? ווי קאָן מען קעמפּפען געגען אַלץ און געגען אַלעמען?

פון טאָג צו טאָג ווערט אַלץ שווערער און שווערער דעם בעוואוסטזיניגען מענשען צו לעבען אויף דער וועלט —

וואו ער קעהרט זיך זעהט ער תהומות, אַלץ איז גרייט איינצושלינגען דעם יידען מיט זיין פאָלק.

אין אַזאַ צושטאַנד מוז זיך ענטוויקלען אַ טראַגישער בליק אויף דער וועלט, עס מוז זיך ענטוויקלען איין טיעף ערנסטעס דענקען.

אוננאַטירליך זענען אַלזאָ אַלע פוסטע רייד פון אונזערע פער־שיעדענע כלל־פערזאָרגער, פּראָלעטאַרישע און נישט פּראָלעטאַרישע.

זעהר נאַטירליך זענען אָבער אַלערליי ודויים, ספקות, קלאָג־רייד, זעלבסט־בעטראַכטונג און זעלבסט־קריטיק.

דאַרף איך אייך דאָן זאָגען, אַז איין ערנסטעס וואָרט איז טיי־

ערער פון הונדערט דיקע ביכער וועגען אויטאָנאָמיעס און פּראָלע-טאַריזאַציעס?

איך דאַרף עס איך אַלץ נישט דערציילן.

איהר פיהלט עס און פערשטעהט עס אַליין זעהר גוט.

איך מוז אָבער קלאָר מאַכען דאָ, אויף וויפיעל איך בין מיט איך נישט איינשטימיג, אויף וויפיעל איך פערשטעה און פיהל די אַלע זאַכען אַנדערש.

נישט דאָ איז דאָס אָרט צו אַריין אין הויכע דרכים און צו בעטראַכ-טען וועלט-פראַגען. איך קאָן אַלזאָ נישט בעריהרען דאָ דעם אַלגעמיי-נעם פעסימיזם, און מוז מיר נאָר בעגנוגענען מיט דער „יודי-שער גאָס".

איך מוז דאָ קלאָר מאַכען, ווי ווייט מעגליך איז, מיין בעציהונג צו דער יאוש-שטימונג, וואָס הערשט איצט צווישען די בעסערע און טיעפערע יודען.

געוועהנליך איז גאַנץ שווער אין אַ „שמועס" צו בעטראַכטען פון אַלע זייטען אַט די פערוויקעלטע און טיעפע פראַגע.

איך קאָן און דאַרף נאָר דאָ אַרויסזאָגען דעם הויפּט-געדאַנק, דאָס איבעריגע אַנאַנדערש מאָל.

זאָגט מיר, איך פרעג ביי אייך, וואָס האָבען די בעסערע יודען אונזערע געטהון פאַר זייער פאָלק?

איהר זענט דורכגעדרונגען מיט יאוש, איהר זענט גאַנץ גע-רעכט.

עס פרעגט זיך אָבער: צי האָט איהר דאָס רעכט מיאש צו זיין זיך?

איך מיין: וואָס האָט איהר אייגענטליך געטהון פאַרן פאָלק? פון וואַנען ווייסט איהר אייגענטליך, אַז עס איז נישטאָ וואָס צו טהון?

מיט'ן שכל און מיט'ן געפיהל איז גאַנץ גרינג צום יאוש צו קו-מען. דאָס איז אָבער נישט ערהליך גענוג.

מען מוז פריהער אַלע מעשים אויספרוּבען אין נאַכהער ווען מען ווערט ווירקליך איבערצייגט אַז אַלע מעשים פיהרען צו גאָר-נישט — מיאש זיין זיך.

וואָס האָט איהר אָבער געטהון? וואָס האָבען אַלע יודישע בעסטע מענשען געטהון?

איהר פיהלט און פערשטעהט — דאָס איז אָבער נאָך נישט אַ ל ץ.
פיעל זאכען פיהלען מיר און דענקען אַ ז ו י און דאָס ל ע ב ע ן, די ט ה א ט ע ן — ווייזען גאָר עטוואָס אַנדערש.

„פיעל זאכען זענען פערהאַן, אויף דער וועלט", מיין פריינד האָראַציוס, וועלכע אייערע לעהרער האָבען קיינמאָל אין חלום נישט געזעהן"...

ווי טיעף מיר זאָלען נישט דענקען, ווי שטאַרק מיר זאָלען נישט פיהלען, — אַלץ קאָן קומען דאָס לעבען און ווייזען אונז, אַז מיר האָבען זיך אין גאַנצען געאירט, אַז מיר האָבען דאָס גאַנצע לעבען אונזערס אין טעות פערבראַכט.

דעריבער זאָג איך אַזוי: דער רוסישער א מ ת'ע ר אינטעליגענט האָט דאָס ר ע כ ט מיאש צו זיין זיך ווען ער ווערט איבערציינגט אַז קיין קראַפט אין דער וועלט קאָן די וואַנד נישט צוברעכען; דער יודישער אינטעליגענט, איך רעד היינט אפילו וועגען א מ ת'ן, וועגען ט י ע פ ע ן — האָט דערצו קיין רעכט נ י ש ט.

דער רוסישער אינטעליגענט האָט יאָ דאָס רעכט, ווייל ער האָט טאַקי עפּעס געטהון פאַר זיין פאָלק; דער יודישער אינטעליגענט האָט דערצו קיין רעכט נישט, ווייל ער האָט נאָך אייגענטליך גאָר נישט געטהון פאַר זיין פאָלק.

ער, דער יודישער בעסערער מענש, איז געווען אַ מיטגליעד אין פערשיעדענע פאַרטייען, ער איז דורכגעגאַנגען אַלען אידעען־קרייזען, ער האָט אַלץ געפּרובט טהון, ער האָט אָבער קיינמאָל נישט געטהון עטוואָס מעכטיגעס פאַר ז יי ן פאָלק.

אַ האַריץ־וועהטאָג: אַזאַ אונגליקליך און בעגאַבט פאָלק זאָל קיין א י י ן אמת'ן העלד נישט אַרויסרופען!

פאַר אַלץ און פאַר אַלעמען איז זיך דער יוד מוסר נפש, נאָר נישט פאַר זיין פאָלק!

און אַלע ערוועקען ביי איהם ליעבע און רחמנות, נאָר נישט זיינע ברידער!

טאָמער טהוט ער עפּעס אָדער וויל עפּעס טהון מוז ער זיך דוקא אַ היתר זוכען —

ער מוז דוקא איינרעדען זיך און אַנדערע אַז ער טהוט עס צוליעב דעם פּראָלעטאַריאַט הקדוש, נישט חס ושלום צוליעב דעם סתם־יודען, —

און די וואָס האָבען שוין יאָ דעם מוט אין זיך צו רעדען אין דעם נאָמען פון פאָלק, טהוען גלאַט גאָרנישט, זיי רעדען נאָר.

די ערשטע, די פראָלעטאַריאַט־דינער, טהוען האָטש לפנים עטוואָס, גוטס צי שלעכטס, דאָס איז אַנאַנדער פראַגע, די לעצטע טהוען גלאַט גאָרנישט.

אָפען גערעדט: וואָס טהוען פאַר'ן יודישען פאָלק די ציוניסטען, וועלכע רעדען יאָ אין דעם נאָמען פון פאָלק? וואָס טהוען פאַר'ן פאָלק די סאָציאַליסטישע פראַקציעס אינ'ם ציוניזם?

און צווישען אונז רעדענדיג: וואָס טהוען דערווייל אפילו די טעריטאָריאַליסטען?....

און וואָס טהוען די סאָציאַליסטישע פראַקציעס אינ'ם טעריטאָריאַליזם?...

ניין! מיר טאָרען זיך נישט מיאש זיין. מיר האָבען קיינע רעכט דערצו —

מיר מוזען זיך פריהער לערנען ליעב האָבען, מיר מוזען זיך פריהער לערנען ערנסט זיין, מיר מוזען עטוואָס אָנהויבען טהון!

חסידים דערצעהלען: אַ מאָל האָט אַן'אַלטער יוד געטראָגען זעהר אַ שווער פינדעל האָלץ. ער טראָגט, קרעכצט און זיפצט:

אָי! מ'האָרעוועט, מ'ווערט אויסגעריסען אויף דער וועלט, זאָלען מיר האָטש האָבען יענע וועלט.

געהט פאַרביי דער אַלטער רבי און הערט עס.

זאָגט דער אַלטער רבי אַזוי צום יודען:

צוליעב דער וועלט האָרעוועסט דו אַזוי פיעל און האָסט זי נישט, ווי אַזוי זשע, מיין ברודער, ווילסטו האָבען יענע וועלט, צוליעב וועלכער דו טהוסט גאָר נישט?...

פאַר דער גוי'ישער גאַס האָט איהר, מיינע העררען, אַזוי פיעל כחות און לעבענס אַוועקגעלעגט, אָנגהויבענדיג פון העסיען העלפמאַן און ענדיגענדיג מיט די לעצטע אַנאַרכיסטען און איהר האָט דאָרט גאָר נישט געמאַכט...

איצט ווען איינינע פון אייך טראַכטען כלומר'שט און רעדען וועגען דער יודישער גאַס, ווילט איהר דאָ שוין די ברכה זעהן....

אויף דער גוי'ישער גאַס האָט איהר אַזוי פיעל געהאָרעוועט און איהר האָט דאָרט גאָרנישט, ווי אַזוי זשע ווילט איהר, מיינע

הערדען, נחת קלויבען פון דער יודישער גאס, נישט מדאגה׳ניג צוליעב איהר גארנישט?...

ווארט אביסעל. פרובט אקארשט דא אויך כחות און לעבענס לעגען, נאכהער וועט איהר רעדען...

איך ווייס, אז פיעלע פון אייך וועלען מיר ענטפערען: וואס הייסט „טהון"? וואס הייסט עס מיר טהוען גאר נישט? דיר קאן געפעלען אדער נישט געפעלען דאס, וואס מיר טהוען, דו קאנסט דאך אבער נישט זאגען, אז מיר טהוען גארנישט.

— דו קאנסט זיין איינשטימיג מיט אונז אדער נישט איינשטימיג, — ווי ווילסטו אבער אבלייקענען דאס וואס אלע זעהען בחוש?

— איך שיהיה, טהוען מיר דאך עטוואס, מיר אגיטירען עטוואס, מיר ארגאניזירען די מאסען, מיר ליידען, מיר שאפען עטוואס.

איהר זענט זעהר גערעכט. איך מוז אייך אבער ערקלערען וואס מיין איך מיט דעם ווארט „טהון".

ביי א פאלק, וואס לעבט אונטער נארמאלע בעדינגונגען און אין א רוהיגער צייט, האלט אמשר אזא טהון ווי אייערע אויך הייסען „געטהון".

אמת, אפילו דאן וואלטען זיך געפונען אפיקורסים, וואס וואלטען זאגען, אז אייער ארבייט איז קיין ארבייט נישט, ווייל זי איז אין גרונד נישט מעהר ווי סכאלאסטיק, צאנקעריי און קריגעריי איבער א פוסטען ניסעל.

נאר איהר וואלט זיך קאנען פון אייער שטאנדפונקט זאגען, אז אייער ארבייט, האט יא עפעס א ווערטה, זי בזהרט יא צו עפעס האטש ביי היינטיגען טאג זעהט מען עס נישט.

דאס יודישע פאלק לעבט אבער גאר אונטער אנדערע בעדינגונגען, פאר׳ן יודישען פאלק שטעהט די פראגע: „זיין אדער נישט זיין?" אין איהר גאנצער גרויזאמקייט, אין איהר גאנצער הארבקייט.

ביי אזא פאלק און אין אזא צייט קאן אזא ארבייט ווי אייערע בשום אופן נישט הייסען „געטהון".

דען עס פעהלט אין איהר די אמונה, עס פעהלט אין איהר די ליעבע, עס איז אין איהר נישטא קיין פייער.

אין אזא צייט מוז אליך געטהון ווערען מיט מסירת־נפש —

און מסירות-נפש נישט אלס א געוויסע מאמענטאלע התלהבות, נאר א שטענדיגע, אנ'אונגעהויערע ארבייט מיט לייב און זעעלע.

ביי אייך זעהט זיך עס נישט, פיהלט זיך עס נישט.

איהר זענט יא פעהיג אויף מסירת-נפש, פיעל מאל וואו מען דארף נישט, אבער דאס אלץ נאר אין דער צייט, ווען איהר זענט רעוואלוציאנערען, סאציאליסטען, און דאס גלייכען, אין דער צייט אבער ווען איהר קלערט און טהוט אלס יודען, טהוט זיך ביי אייך אלץ אהן נשמה, אהן הארץ, אהן לעבען.

דא זענט איהר יוצא נאר מיט פלפול, אדער מיט דעם מוסר וואס איהר זאגט דער „יודישער בורזשואזיע"—

טאמער הויבט איהר אפילו יא עפעס אן טהון, ווערט איהר באלד אבגעקיהלט —

און ווייטער מוסר „דער בורזשואזיע"....

אין ווילט איהר שוין עפעס טהון מיינט איהר, אז אלץ מוז תיכף איבערגעמאכט און איבערגעענדערט ווערען נאך דער לעצטער בראשיזורע אייערער.

און ווערט עס נישט אזוי גרינג און טהוט זיך עס נישט אזוי גרינג, ווערט איהר מלא כעס.

אין דער צייט, וואס אין דער גוי'שער גאס זענט א זעלכע עניים, אזעלכע סבלנים, וואלט איהר דא ביי יודען וועלען, אז כהרף עין זאל אלץ געטהון ווערען.

צו אנדערע דאט איהר קיין טענות נישט אפילו ווען אייך קומט אום דאס לעבען אוועקלעגען אויף נישט; צו יודען קומט איהר אבער שטענדיג מיט טענות ותביעות.

דער זינד איז אין אונז אלעמען פארהאן און מיר דארפען אלע זיך „על הטא שלאגען".

מעהר געדולד, מעהר ליעבע, מעהר מסירת-נפש.

Тип. Б. Туршъ, Варшава Св.-Георгія 34.

# שימו'ס גרויסע

# וועלט-ביבליאָטעק

## צווייטער יאָהרגאַנג.

| |
|---|
| **24** |
| ביכער א יאָהר. |
| אַלע 2 וואָכען אַ בוך |

פון די ביז יעצט ערשינענע ביכער, האָבען אונזערע לעזער געהאַט די מעגליכקייט, זיך צו איבערצייגען, אויף וויפיעל מיר בעמיהען זיך, טריי צו בלייבען אונזער פראָגראַם, און אויף וויפיעל די וועלט-ביבליאָטעק פערפאָלקאָמט זיך וואָס ווייטער מעהר אינערליך און אויסערליך. שטרעבענדיג צו בעפרידיגען די בעדערפניש פון דעם יודישען לעזער, האָבען מיר איינגעטיילט דעם ביכער-קאָמפּלעט פאַר דעם יאָהר אַזוי, אַז אין איהר זאָלען פערטרעטען זיין אַלע געביטען פון דעם לעזע-מאַטעריאַל וואָס איז נויטיג און צוגענגליך פיר יעדען מאָדערנעם און נאַציאָנאַלען אידען אַלס אַזעלכען, און אַלס לעזער בכלל. ביי דעם סיסטעם האָבען מיר זיך פערהעלטניסמעסיג געהאַלטען אויך בנוגע צו דער אָרדנונג פון אַרויסגעבען די ביכער.

ביז יעצט זענען ערשינען:

1) אברהם רייזען: „אַלטע-וועלט".
2) „ „ יונגוואַרג.
3) דר. גינצבורג: דער תלמוד.
4) יודישע געשיכטע 3-ער באַנד.
5) יודישע געשיכטע: 4-ער באַנד.
6) משה: א זאַמעל-בוך.
7) הלל צייטלין: שריפטען I באַנד.
8) „ „ „ II „.

אַבאָנאַמענט-פרייז: **4** רובל יעהרליך; **2** רובל אַ האַלב-יאָהר; **1** רובל אַ פירטעל-יאָהר; איינצעלנע נומערן **25** קאָפּ׳:

**א פרעמיע.** מיר האָבען פערפערטיגט נאָך אַ געוויסע צאָהל אַלבאָמען און די, וועלכע וועלען יעצט איינשיקען דער אַבאָנאַמענט פיר אַגאַנץ יאָהר, וועלען בעקומען דעם פראַכט פאָלען אלבאָם, מיט 10 קופערשטיך-בילדער פון בעריהמטען מאלער **ג. דאָרעס גראַטים.**

די האַלב-יעהריגע אַבאָנענטען דאַרפען צאָהלען פאַר דער פרעמיע 50 קאָפּ. די נייע אַבאָנענטען, וועלכע ווילען האָבען די ערשטע 2 בענדער פון דער יודישער געשיכטע קאָנען זיי בעקומען פיר 34 קאָפּ׳.

**ביליג!!** די 24 ביכער פון פערגאַנגענעם יאָהר פאַר אונזערע נייע אַבאָנענטען: אַנשטאָט 4 ר׳ צאָהלען זיי נור — 3 רו"כ (פּאָרטא 50 קאָפּ).

פאַר פראַכט-באַנד האָבען מיר בעשטימט זעהר אַ ביליגען פרייז: פאַר 8 שעהנע בענדער נאָר— 50-1 רובל.

אדרעסא:

**Книжн. маг. Б. ШИМИНА, Варшава, Налевки 33.**

UNIVERSITY OF
ILLINOIS LIBRARY
AT URBANA-CHAMPAIGN
BOOKSTACKS